STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05655

# SHTILE YUGENT

David Einhorn

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Walton T. Roth*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דוד איינהארן

# געזאמעלטע שריפטן

## ערשטער באנד

# שטילע יוגענט

אלע רעכט פון איבער־
דרוקען און איבערזעצען
געהערט דעם מחבר.

Copyright by Ph. Geliebter
New-York-Brooklyn
232 Linden str.

# געזאמעלטע שריפטען

ערשטער באנד.

1905 1912

אָבשליסענדיק מיט דעם באנד לידער א בעשטימטע עפּאָכע פון מיין שאפען, האָב איך זיך געמיט דאָס בוך צוזאמענשטעלען אזוי, אז די לידער זאלען גיין נישט אין כראנאלאגישען סדר פון זייער ענטשטעהן, נאָר לויט'ן כראָנאָלאָגישען סדר פון די שטימונגען און ערלעבענישען, אונטער וועלכע זיי זיינען געשאפען געווארען. דעריבער קומט אויס, וואס איינציגע לידער פון פריערדיקע דאטומס זיינען אריין אין די שפּעטערדיקע ציקלען, ווייל יעדע אזא ליד איז אדער א אבקלאנג פון א פריהערדיקע ערלעבניש אדער א אנזאג פון א נייער וועלכע צייטיקט אין דיכטערס נשמה.

אחוץ דעם האָב איך מיך ערלויבט איינציגע לידער, וועלכע זיינען אריין אין פאריגע זאמלונגען אינגאנצען אויסצושליסען און איינציגע צו ענדערען.

## דער מחבר.

ווארשע, 9. VII.—20

דער בלאסער בת מלכה, נאָך וועלכער איך בענק
און וועל זי נישט קיינמאָל געפינען.
פאר דער, וואָס איך פלעג אין די זילבערנע נעכט
די האַרציקסטע מעשה'לעך שפינען.

נאָך דער, וואָס איך גאר אין די ליכטיקע טעג
און זוך זי אין ראָזע פארנאכטען.
דער יונגער פרינצעסען, וואָס וואוינט ערגעץ וואו,
ערגעץ וואו אין א שלאָס א פארמאכטען.

# I.

# מיין היים.

מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטעל, וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.

זייער ווייניק איז דאָרט
פֿאַר אַ גליקלעכען אָרט.
פֿאַר דערפֿאַר איז דאָרט הויך,
טיף דער הימעל אָהן ברעג

און עס ציט זיך דורך אים
גאָטס געשטערענטער וועג.
און באַנאַכט, ווער עס וויל
אין גאָטס פּאַלאַצען זיין,
מאַכט דאָס פענסטערעל אויף,
קוקט אין הימעל אַריין.

נישט דער ווייגאָרטען בליט,
נישט דער גאָלדעפּעל גליט —
אויף די פעלדער צעשפּרייט,
ווען אַ ווינטעלע ווייט,
כוואַליעט שטיל זיך פאַרשעמט
אונזער אָרעמער ברויט.
דאָך געבענטשט זאָל ער זיין
מער פון בוימעל און וויין,
ווייל ער שיצט אונזער הויז
און דערקוויקט אונזער זעל
און דערלאָזט נישט די נויט,
וועלכע היט אונזער שוועל.

און פאַרטראַכט איז דער וואַלד,
תמיד טונקעל און קאַלט,
אומעט דרעמעלט אין שויס
פון זיין בוימערגערויש.
נישט קיין יעגערגעזאַנג,
נישט קיין לוסטיק געקלאַנג —
אין אוראַלטען געשפרעך
פון די סאָסנעס אין הויך
ווערט דער פויגעלגעזאַנג
אויך פאַרטרויערט און ווייך.

דאָך מיר נאָנט איז זיין ליד,
וועלכעס פליסט אַזוי מיד
אין מיין אוראַלטער זעל.
אין דער זעל פון אַ איד
איז פאַראַן אַזאַ קוועל,
וועלכער פליסט, ווי דאָס ליד:
נישט עס רוישט, נישט עס ברויזט,
נאָר עס שטראָמט און עס קוועלט,

ווי די בענקשאַפֿט נאָך גאָט,
ווי דער צער פֿון דער וועלט.

מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטעל, וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.
דאָרטען, שטיל אין אַ טאָל
האָט מיין זיידע אַמאָל
אויף זיין וועג דורך דער וועלט
זיין מנוחה געוויילט,
און דעם טרויער דערהערט,
און דעם באָדען באַטרערט,
און דערנאָך, אין זיין טרוים
אין זיין אַלטען, פֿאַרקלערט.
מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטעל, וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.

## די בעריאָזקע.

רואיק, רואיק שאָקעלט איר געלאָקטעס, גרינעס קעפּעל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַוועגט אָהן אַ שיעור.
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס שעפּטשעט שטיל אַ תּפילה...
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר!...

איך בין דאָ אַנ׳עלענדער געקומען פון דערווייטען,
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַנ׳ און פרעמד איז מיר זיין שפּראַך,
נישט ער וועט מיין טרויער זען און נישט פאַרשטיין מיין תּפילה,
כאָטש איך וועל מתפּלל-זיין, מתפּלל-זיין אַ סך.

פֿון דעם ווייטען מערב האָט זיך טרויעריק פֿאַרגנבעט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזוער, צאַרטער שטראַל
און אַ לייכטען קוש־געטון די בלעטעלעך, די קליינע,
וועלכע האָבען דרעמלענדיק געהאָרכט דעם נאַכטיגאַל.

פֿון די ברייטע פֿעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערציילט די בלעטעלעך לעגענדען אָהן אַ שיעור...
עפּעס האָט אין האַרצען טיף באַ מיר גענומען בענקען:
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פֿאַר מיר!...

# אין א לבנה-נאכט.

נמיך האָט פֿאַרבענקט...
צו דעם בלוי-ווייסען רוים,
צו דעם נעץ פֿון די צערטלעכע, ליכטיקע שטראַלען
האָט פלוצלינג אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט,—
ווי אַ טרוים...
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פֿאַרפֿאַלען...
עמיץ האָט זיך פֿאַרבענקט...
דאָרטען ווייט, דאָרטען ווייט, וואו עס דרעמעלט דער וואַלד
אין אַ נעפעל פֿון מאַטאָווען זילבער —
שטיל אין אַ שאָטען פֿאַרהילט

פֿון אַנ׳אוראַלטען בוים,
אויפ׳ן פּייכט-ווייכען גראָז, מיט אַ האַרפֿע אין האַנט,
מוז זיצען אַנ׳עלענדער זינגער
און אַ ניגון פֿאַרטראַכט וועבען שטיל, וועבען שטיל
אויף די סטרונעס מיט צערטלעכע פֿינגער.
עמיץ האט זיך פֿאַרבענקט...

# ליטע.

עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אויף די
טונקעלע פעלדער

און רוט אויף די איינזאַמע ביימלעך, וואָס שטייען צעוואָרפען
אויף זיי;

דער קלאָרער, פאַרטרויערטער הימעל, וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער
אַרונטער

דורך ווייסלעכע, זיידענע נעפלען, ערפילט מיט אַ צערטלעכען וויי

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטען, וואָס שטאַרבען, ווי עלענדע
קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדען זיך שטיל אין אַ בלאַסען, אַ קרענקלעכען
שיין;
די מאָרגענס, וואָס וועקען זיך אויף, ווי אַ שמייכעל אויף
גוססע ליפען;
די טעג, וואָס ערשיינען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטען זיך שעמען
צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען פון אונטער ברוגזע
ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפראָצען זיך אָרעמע בלומעלעך שטיל;
די קליינע בעריאָזאָווע וועלדלעך אויף ברייטע אומענדלעכע
שטרעקעס,
ווי איינציקע ליכטיקע טרוימען אין תחום פון אַ שוואַרצען געפיל.

עס האָט מיך פֿאַרכּשופֿט דאָס לאַנד, וואו די זון קוקט אַרויס
דורך אַ נעפּעל;
דאָס לאַנד, וואו עס קומען קיין שטורעמס, נור ווינטעלעך
קייקלען זיך מיד;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענקט אין אַ טרויער און האָפֿט אין איר
שטענדיקן צווייפֿעל;
דאָ לאַנד, וואו עס האָט זיך געוועבט מיין פֿאַרבענקטעס,
פֿאַרחלומטעס ליד.

1906

# פארנאכט.

פון די ברייטע גאָלדנע פעלדער ווייט אַ ווינטעלע אַ זאַנפטעס,
און דאָס קלאָרע טייכעל מורמעלט, ווי פון שלאָף אַ קינד.
טיף פאַרזונקען אין געדאַנקען, שטייען דרעמלענדיק דיביימער
און די טונקלע לאָנקע הילט אַ ראָזער נעפּעל איין.

ווייט אין מזרח, וואו עס קען שוין נישט דער לעצטע שטראַל
דערגרייכען,
צינדען, צינדען קליינע, בלאַסע שטערענדלעך זיך אָן.
ווּעמעס וועג באַלייכטען וועלען זיי, די ליכטיקע, די ווייטע?...
ווּעמען וועלען זיי פאַרפירען דאָרט מיט זייער ליכט?...

בלאַסער, בלאַסער ווערט דער רויטער פלעק אין בענקענדיקען
מערב,

און אַ שאָטען אַ געהיימער הילט די פעלדער איין.
ווייט אין מזרח הייבט-אָן בלייכען, עמיץ הייבט דאָרט אָן צו
האָפען...

וואַרט, עס וועט זיך באַלד צעגיסען דער לבנהס שיין...

1906

# אין אַ לבֿנה־נאַכט.

פֿאַרהילט האָט דאָס וועלדעל אַ זילבערנער נעפּעל,
באַהאַלטענדיק דאָרטען אַ שטיק פֿון דער נאַכט,
און איבער די פֿעלדער, די בלייכלעכע שטרעקעס,
געשוועבט האָבען זיידענע שאָטענס פֿאַרטראַכט.

אין לופט האָט געציטערט אַ צערטלעכע ווייסקייט
פֿון בענקשאַפֿט, און טרויער און שטילען פֿאַרדרוס.
אַזויווי די בלאַסקייט אויף מיידעלשע באַקען,
וואָס גאַרען אַ ווייכען אַ וועקענדען קוס.

פאַרוויגענדיק שטיל זיינע זילבערנע וועלען,
איז ערגעץ אַ טייכעל געשוואומען פאַרבענקט,
און שווימענדיק, נעצען געפלאָכטען פון שטראַלען,
וואָס האָט אים די קאַלטע לבנה געשענקט.

פון ווייטען געצאַנקט האָבען פייערלעך קליינע —
דאָס האָט ערגעץ שטיל וואו אַ דערפעל גערוט.
אין לופטען געווייט האָבען וואַרעמע ווינטלעך
און ליבלעך געסודעט: ווי אַלץ איז דאָ גוט...

1906.

## בנאַכט.

עס רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער די נאַכט.
ווי אַ שוואַרצער, אַ ריזיקער אָדלער.
אָ, ליבסטע, מיך שרעקט זי, עס שרעקט מיך איר בליק,
זי קוקט, ווי אַ בלינדער מיט אָפענע אויגען,
און ס׳דוכט זיך די אויגען, זיי זעען, ווי מיר
און אפשר נאָך טיפער און בעסער...
עס שרעקט מיך דאָס וועלדעל, וואָס שיינט, ווי אַ פלעק
אויפ׳ן טונקעלען, בלוילעכען הימעל ...
וואָס טוט זיך איצט דאָרטען
און וואָס פאַר אַ סוד

וועבט זיך צווישען די ביימער,
וואָס שטייען אין דעקעס אין שוואַרצע געהילט,
און שווייגען און קוקען פאַרשטיינערט אַראָפּ
צו די שוואַרצע פאַרגליווערטע קוסטעס?...
עס ווייזט זיך אַ שטערען, אַ צווייטער נאָך אים...
און ווינקען...
צו וועמען, מיין ליבסטע?
עס שרעקט מיך, אָה, טאָמער פאַלט איינער פון זיי
צו דער ערד און ווערט פלוצלינג פאַרלאָשען,—
דאַן אויבען אין הימעל וועט פעלען אַ שטערען,
און אונטען וועט ווערען נאָך מערער מיט איינעם
אַ קאַלטען, פאַרלאָשענעם קערפּער...

עס שרעקט מיך, מיין ליבסטע, די פינסטערע נאַכט,
די געטין פון ריזיקע שאָטענס...

## דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד...

דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד, געווען, שוין לאַנג...
ווען ס׳האָט אין בלויער לופט דער ערשטער קלאַנג
פון שטילען טרויער איינזאַם זיך צעשפּרייט,
און ערגעץ, אויף אַ פרישען קבר דאַן
האָט קליינע, ווייסע בלומעלעך פון פעלד
אַ קליינע, צאַרטע פרויענהאַנט פאַרזייט.

שוין לאַנג, מיין קינד, געוועזען איז דאָס, לאַנג...
ווען ס׳איז דאָס ערשטע האַרץ געוואָרען באַנג,

און אין אַ ווייסער זומערנאַכט אַליין,
האָט שטיל צווישען שלאַנקע פּיכטען ווער
פֿאַרלוירען אין דעם טוי פֿון גראָז אַ טרער
און אין די שאָטענס אַ פֿאַרשטיקט געוויין.

געוועזען איז דאָס לאַנג, מיין קינד, שוין לאַנג...
אַראָפּ צו אונז איז אַ פֿאַרבענקטער גייסט,
וואָס שוועבט אַרום און סודעט תמיד איין
אונז שטיל אַ סוד פֿון אַ פֿאַרגאַנגען גליק,
וואָס ציט אונז, ווי דער בלויער, ווייטער שיין
פֿון שטערען, און לאָזט קיינמאָל נישט צו רו,
און וועקט דאָס האַרץ און דריקט פֿון אויג אַ טרער,
און רופֿט, רופֿט, נישט וויסענדיק אַוואו.

1906.

## נאַכטשטימונג.

עס ווייַנען די טיף־בלויע הימלען
מיט לויטערע, גאָלדענע טרערען.
די טרערען — זיי פאַלען אין אומעט
פון טונקעלע פעלדער אַראָפּ.

און איבער די טונקעלע שטרעקעס
שוועבט איינזאַם אַ טרויריקע שכינה
און קלייַבט זיי, און קלייַבט זיי די גאָלדענע
טרערען צו איר אין איר שויס.

דעריבער פֿאַרנעמסטו אַ רויש,
ווי פֿון צאַרטע, פֿון זיידענע פֿליגלען;
דעריבער הערסטו, ווי עס בלאָנדזשעט
פֿאַרטראַכט עמיץ ווער אויפ'ן פעלד.

און גלייך, ווי עס וועבט זיך אַ גאָלדענער
שנירעלע דורך אין דער לופֿטען,
באַלד גליטשט זיך אַ זיידענעס ווינטעל
אַריבער דעם שלאָפֿיקען גראָז.

1906.

# ווייסע נעכט.

שלאָף-איינעט, מיין ליבסטע, און וואַרט..
באַלד וועלען זיי קומען, די ליכטיקע אָוועגטס,
פאַרהילטע אין זיידענע טיוליען,
צו שוועבען אַריבער די פעלדער,
אַזויווי פאַרכשופטע יונגע פרינצעסינס,
וואָס האָבען פאַרלאָזט אין באַנאַכטיקע קליידער
די אַלטע צעוואָרפענע שלעסער.--
אַ וואַרעמעס ווינטעלע וועט ויי באַלייטען
אַ חלום אַ רואיקער וועט זיך צעשפרייטען
און איינוויגען אַלץ אויף דער וועלט.

בייג-אָן שטיל דיין קאָפּ אויף מיין אַקסעל און

און זאָל דיך דאָס יואַרעמע ווינטעלע קושען,

ווי ס׳קושט אַ פאַרשלאָפענע בלום.

שלאָף איין, שלאָף איין, פאַרזינק אין חלומות...

פלעכט איין דיין נשמה אין זייערע נעצען

און וואַרט!

באַלד וועלען זיי קומען... די ליכטיקע אָוועגטס

און שוועבען פאַרחלומט אַרום.

1906

# אין וואַלד.

עס וועט אונז פֿאַרוויגען דער רויש
פֿון די אַלטע פֿאַרדרעמעלטע סאָסנעס.
אַ שלאַנקע בעריאָזקע דערציילען
וועט אונז די לעגענדע פֿון וואַלד.
און שטיל אויף אַ הערש אויף אַ ווייסען,
צווישען די ערנסטע שטאַמען,
מיט אויגען לבנהדיק גרויסע,
וועט שלייכען אַ צויבערגעשטאַלט.

און ווייט, דאָרטען, ווייט פון דער טיפקייט,
וואו ס'שטייען געפלאָכטען דיביימער,
וועט ברענגען דער עכאָ צוטראָגען,
געהיים אויף די פליגעל פון ווינט,
אַ ווייטען, פאַרצווייפעלטען קלאַפּען,
גלייך ווי אין אַ טיר אַ פאַרמאַכטער
אַ ליד פון אַנ'איינזאַמען נזיר,
אַ רוף, ערגעץ-וואו, אַ פאַרשמאַכטער,
אַ ברום פון אַ דורשטיקער חיה,
אַ שטים פון אַ בלאָנדזשענדעס קינד.

און ביידע, און ביידע צוזאַמען
דאָרט, וועלען מיר זיצען און טרוימען
פון איינזאַמע הייזלעך, וואָס ס'שטייען
פאַרבאָרגען אין טיפקייט פון וואַלד;
פון יונגע פאַרכּישופטע פרינצען,
פאַרוואַנדעלט אין זינגענדע בוימען,
פון פייערלעך קליינע, וואָס שוועבען
באַנאַכט אויפ'ן מאָך אויפ'ן גראָען;

פֿון דרייסטע פֿאַרחלומטע ריטער,
וואָס בלאָנדזשען אין נעפּעל אין בלאָען.

די שלאַנקע בעריאָזקע פֿאַרטרויען
וועט אונז זייער וואונדערלעגענדע,
און שטיל אויף אַ הערש אויף אַ ווייסען
וועט שלייכען דאָס צויבערגעשטאַלט.

1908.

## די סאַזשעלקע

אין שויס פֿון פֿאַרטרויערטע פֿעלדער, וואָס ציִען זיך ווייט אָהן
אַנ׳ענדע,
באַהאַלט זיך אַ סאַזשעלקע איינזאַם, באַוועבט מיט אַ שטילער
לעגענדע;
עס ציטערט קיין איינציקער קנייטשעל בײַ איר אויפֿ׳ן שפּיגעל
דעם בלאָען,
און ס׳האָט איר אַנ׳איינזאַמע ווערבע, פֿאַרהילט אין אַ נעפּעל אַ
גראָען.

עס היט זיך די ווערבע און וויינט דורך די בלעטער באַ-
האַלטען, מיט טרערען,
וואָס קאַפּען-אַראָפּ אין צעשפּרייטען אַ זילבערנעם קרייז אויפ׳ן
וואַסער,
און ווען עס קומט-אָן שטיל די נאַכט און צעשפּרייט אירע
פינסטערע שאָטענס
דאַן גייט-אויף אין טונקעלען הימעל און היט איר אַ שטערען אַ
בלאַסער.

און צייטען פאַרגייען און קומען, עס בייטען די פעלדער דעם
צודעק;
דאָ רוט זי, אַזויווי אַ שטיקעל קרישטאָל אויף אַ סאַמעט אַ
גרינעם,
דאָ שלאָפט זי, אַזויווי אַ שפּיגעל פאַרלוירען צווישען דעם
קאָרן,
דאָ קוקט זי אַרויס פון בריליאַנטען באַדעקט מיט אַ זילבער
אַ דינעם.

און צײַטען פֿאַרגײיען און קומען, נור אײביק בלײבט רואיק
איך שפּיגעל,
עס שטערט נישט קײן אײנציקער עכאָ דעם טיפֿען, פֿאַרחלומטען
שװײגען,
נור אָפּטמאָל נעמט־דורך, װי אַ ציטער, די הױכע פֿאַרקלערטע
אַאירען,
און ס'הייבט אויף דער װערבע געהיים זיך צו רירען די
אײנזאַמע צװײגען.

1907.

# פרילינג

איך ווייס נישט, אוי, וואוהין עס ציט מיך מיין נשמה,
וואוהין עס רופֿען מיך די בלאַסע פרילינגסנעכט,
בשעת איך טרעט באַ זיי אויף די פֿאַרטראַכטע לאָנקעס,
און זוך באַם ווייטען ברעג
פֿון האָריזאָנט מיין וועג.
איך ווייס נישט, נור מיר דוכט: מיר האָט זיך ווען געחלומט
אַ ווילדער גאָרטען. טיף אין אים אַנ׳אַלטער שלאָס.
אַ בלאַסע פרילינגסנאַכט גערוט האָט אויף די ביימער
און מילד צעוויקעלט שטיל די בלעטלעך, וואָס אויף זיי.
און דורך דעם העכסטען דעמב האָט שטאָלץ געקוקט אַ טורעם

אין ווייטען, בלאָען רוים מיט פּענסטער העלע צוויי.
און פלוצלינג האָט פון זיי זיך איינער דאָרט פאַרלאָשען
און אויפגעמאַכט האָט אים אַ צאַרטע פרויענהאַנט.
און איך האָב צוויי דערזען פאַרטרוימטע, בלאָע אויגען,
אַ לענגלעך-ווייס געזיכט פון מירמעלשטיין געטאָקט,
און ווי אַ כשוף האָט זיך ווייך פון דאָרט געצויגען
אַ שטילע מעלאָדי און עפּעס מיר געזאָגט.
איך ווייס נישט, נור עס ציט, עס ציט מיך מיין נשמה...
פאַרכשופט בין איך אין די בלאַסע פרילינגסנעכט.

1908

## הערבסטשטימונג.

ווי שטיל עס צעלייגען זיך טרויריקע שאָטענס.
אַ ווינטעלע ציטערט צווישען די צווייגען.
פאַרמאַך דיינע אויגען, מיין ליבסטע, און לאָ׳מיר
אַ מעשהלע שפּינען אין האַרבסטיקען שווייגען.

די זייַ די פּרינצעסין, און איך דער בן-מלך.
אַ צערטלעכער טרוים וועט אונז ביידען פאַרוועבען, —
אין ערגעץ אַ פּאַלאַץ, וואָס טונקט זיך אין וועלדער,
פאַרחלומטע וועלען מיר איינזאַם דאָרט לעבען.

דו הערסט, ווי עס רוישען די ביימער אין דרויסען,
אַ וואָלקען פאַרציט זיך אַריבער די שטערען,
אַ בייזער מכשף וועט פלוצלינג ערשיינען
און וועט אונזער מאַרמאָרנעם פאַלאַץ צעשטערען.

דער יונגער בן-מלך וועט ערגעץ פאַרבלאָנדזשען
און האַלזען פון אומעט אַ פעלזען אַ האַרטען;
אין צעלט פון אַ פאַסטוך וועט זיין די בת-מלכה
און עלענד פאַרלאָזען איר ליבסטען ערוואַרטען.

ווי בלייבען אין מדבר וועט ער. אויף זיין קבר
וועט שטיין נאָר אַנ׳איינזאַמער דאָרן געבויגען.
און שטיל אין אַ פינסטערער נאַכט דער בת-מלכה
וועט צומאַכען רואיק אַ פאַסטוך די אויגען.

נישט שרעק זיך, מיין ליבסטע, פאַרגעס אָן דער ענדע!
פאַרזינק אין חלומות דיין האַרבסטיקען שויער

עס גיט אַזוי זעלטען אַ שיינע לעגעידע,
וואָס ס'זאָל נישט פֿארהילט זיין אין אייביקען טרויער.

1907.

## דער ערשטער שניי.

ווייסינקע שנייעלעך וויגען זיך, וויגען זיך,
טאַנצענדיק שטיפעריש לוסטיק און פריי.
עפּעס איז יום-טובדיק ניי.
אויף די מויערען
האָט זיך אַ שמייכעל צעלייגט
און פאַרצויגען די גראָע, פאַרשטיינערטע טרויערען
מיט אַ באַוועגלעכען ווייסען וואָאַל.

טיף אין די גאַסען באַוועגען זיך

כוואַליעס פֿון מענשען
אין זילבערנעם גלאַנץ.
די יוגענט שפּאַצירט.

און ס׳קושען און פֿאַלען די קלינקע שנייעלעך
אויף וואַרעמע, ראָזיקע, מיידעלשע פּנימלעך;
פֿאַרשעמטע, מיט שטיפֿעריש-קינדישע שמייכעלעך,
פֿאַלען און קושען זיי שטיל אין די ליפּעלעך,
פֿלעכטען אויף זייערע זיידענע לאָקען
פֿון בלומען אַ קראַנץ.
פֿאַלען און קושען,
פֿאַלען און קושען
און ווערן צעגאַנגען אין קוש.

עס וויגען זיך, וויגען זיך ווייסינקע שנייעלעך,
טאַנצען, און פֿאַלען און פֿאַלען...

1907.

# II

## I. פון אידישען געסעל.

דאָס ענגע געסעל האָט פאַרהילט אַ זיידען שאָטען,
אַ וואַרעם ווינטעל האָט די הייזעלעך פאַרוויגט.
ווי קליינע קינדערלעך, דערשראָקענע צוזאַמען,
אַ דעכעל באַ אַ דעכעל שטייען זיי געדריקט.

אַ מילדער, געלבער שיין צעגיסט זיך פון די פענסטער
און וועבט זיך היימלעך איין אין פאָרהאַנג פון דער נאַכט.
פון אַלטען קלויסטער קומען איינזאַם — ווייטע קלאַנגען,
וואָס שוועבען אויף דאָס ענגע געסעלע פאַרטראַכט.

ווי שטיל עס איז אַרום... עס ציטערען די שטערען.
די שכינה אָטעמט-אָפּ אין טיפען, בלאָען רוים.
אַ שמייכעל שוועבט אויף איר פאַרטרויערט-בלאַסען פנים.—
און אויף דעם געסעל רוט אַ בענקענדיקער טרוים.

1908.

## II. פֿון אידישען געמעל.

אַ שטילער קלאַפּ און טיר, אַ צערטלעכער געלעכטער.
אַ שעמעוודיקער קוש, אַ לייכטער דריק אין האַנט.
אַ פֿענסטערעל אַ קליינס, אַ ביימעלע אַ יונגעס.
אַ ווייכע באַנק פֿון גראָז, וואָס טוליעט זיך צום וואַנט...

אַ טונקעל-בלאָ געוועלב מיט גינגאָלדענע שטערען.
אין שטילקייט פֿון דער נאַכט דאָס זשומען פֿון אַ גריל.
אַ ווייטער רויש, וואָס קומט צושווימען פֿון דעם טייכעל.
אַ ווינטעלע אַ שטילס, וואָס גליטשט זיך אויפ'ן גראָז...

דער בּ־עג פֿון האָריזאָנט, וואָס הייבּט שוין אָן צו בּלייכען.
אַ ווייסער טיול, וואָס הילט דאָס ענגע געסעל איין.
אַ לעצטער לאַנגער קוש. אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדען.
און נאָכדעם ווייטע טריט, וואָס קלינגען אָפּ געהיים.

1908.

## ת ש ע ה=ב א ב.

עס האַט נישט דער הימעל געקאָנט דעם טרויער פאַרט-אָגען,
און שטיל זיך אין שטראָמען פון ליכטיקע טרערען צעגאָסען.
אָהן דונערען, צנועהדיק, האָבען די טראָפּענס געגנידערט פאַרלאָזען,
אַזויווי זיי וואָלטען אַ שטילעס געבעט פאַר אונז זאָגען.

דערנאָך האָט אַ שטראַל אַ פאַרשעמטער די דעכלעך די נאַסע,
און יעטוועדעס שטיינדעל און וואַסער, אין געסעל מיט גינגאָלד
באַפליטערט.

אין לופט האָט קיין איינציקער קלאַנג און קיין איינצינקעס
ווינטעל געציטערט.
פאַרגליווערט, אַזוי ווי דער טרויער אויף פנימער בלאַסע.
און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אין ליכטיקען לופטען וועט פלוצלינג
אַ זאַמדיקער מדבר מיט עטלעכע פאַלמען זיך ווייזען;
אַ חורבה אַנ'אַלטע, פאַרוואַקסען מיט ווילדע, מיט טרוקענע
גראָזען,
און אָנגעלענט דאָרט, אין אַ ווינקעל, אַ יונגפרוי, פאַרוויקעלט
אין ווייסען.

1909

# לעגענדע.

דערשראָקענע, שטילע, פֿאַרטוליעט אין שאָטענס,
פֿאַרטיפֿטע אין זיך, אין דער אייגענער שוואַרצקייט,
צעציען זיך רייען פֿון פֿינסטערע הייזער
און בילדען אַ גאַס נאָך אַ גאַס.
און טיף אין די גאַסען אויף פֿייכט-קאַלטע שטיינער
מיט באָרוויסע פֿיס און צעריסענע קליידער,
גייט אומ׳עט אַ הויכער, אַ בלאַסער, אַ דאַרער,
מיט אָפּענע, בלינדע, פֿאַרצויגענע אויגען
און זוכט עפּעס שטיל מיט צעצויגענע פֿינגער,
און זוכט אָהן אַנ׳אויפֿהער און זוכט...

און ווייט, באַ דעם ברעג פֿון די הונדערטער גאַסען,
שטייט איינזאַם אַ קליינע, פֿאַרלאָזענע חורבה.
די טיר מיט די פֿענסטער פֿאַרשלאָגען מיט ברעטער,
פֿון וועלכע עס קוקט דורך די שפּאַלטען אַרויס
צו די גאַסען אַ געהיימניס אַ שטומע:
באַטאָג מיט אַ פֿינסטערען בליק פֿון אַ טויטען,
באַנאַכט מיט אַ בייזען, אַ רויטלעכען אָפּשיין,
אַזויווי דער שיין פֿון אַ שׂרפֿה אַ ווייטער,
וואָס ציטערט באַם ברעג האָריזאָנט.

און ווען אויפֿן טורעם, וואָס טונקט זיך אין הימעל
שלאָגט צוועלף, און דער שיין פֿון די שטערען ווערט העלער,
גייט צו דאַן דער הויכער, דער בלינדער צום חורבה,
מיט ליפּען געפּרעסטע פֿון צער,
און קלאַפּט אין די קליינע, פֿאַרשלאָגענע פֿענסטער,
און רופֿט דאָרטען עמ׳ץ, און בעט דאָרטען וועמען,
און זוכט אין זיין אייגענעם עכאָ אַן׳ענטפֿער.
נור ס׳ענטפֿערט אים קיינער פֿון דאָרטען...
אַ שטומע, ווי פֿריער, בלייבט שטיין דאָרט די חורבה,

פאַרשלאָגען, פאַרוויקעלט אין נאַכטיקע שאָטע.
באַהאַלטענדיק טיף דאָס געהיימניס, וואָס קוקט
דורך די פינסטערע שפּאַלטען אַרויס...

און ווי עס ווערט ליכטיק, דאַן ווערט פון דעם הויכען
אַ קליינעס, אַ שוואַכעס, אַ זעעוודיק מענטשעל,
וואָס וואַנדערט אַרום מיט אַ פּעקעלע סחורה
און האַנדעלט און קויפט און פאַרקויפט.
נור ווי עס ווערט פינסטער און פוסט אין די גאַסען,
דאַן וואַקסט ער אויס ווידער אַ הויכער, אַ בלאַסער,
מיט אָפענע, בלינדע, פאַרצויגענע אויגען,
און זוכט עפּעס שטיל מיט צעצויגענע פינגער,
און זוכט אָהן אַנ׳אויפהער און זוכט...

1906.

# אמר אביי.

אינדרויסען איז פרילינג, אינדרויסען איז וואַ־עס...
עס ציען זיך שטראַלען, ווי גאָלדענע פעדים,
ווי גליקלעכע רגעס אין אייביקען אומעט,
און נעמען, ווי אָרעמס פאַרליבטע, אַרומ׳עט,
און גלעטען די באַקען, און קושען די אויגען,
און ווערען אין ליכטיקע נעצען צעצויגען.

אינדרויסען איז פרילינג, עס שמייכעלט די זון
דורך די בלאָטיקע שייבלעך פון אַלטען בית־מדרש:

אַ פּאַליע פון גאָלד האָט פאַרשעמט דעם נר־תמיד,
ער קוקט איצט אַרויס פון די שטראַלען די יונגע
אין כעס מיט זיין אייביקען רויכיקען פלעמעל,
אַזויווי אַן'אַלטער אַ שוואַכער קנאי,
אויף פרייליכע יונגע צעלאָזענע קינדער.
אַפילו דער יאָרצייט, וואָס ברענט אויפ'ן עמוד,
האָט ערגעץ באַהאַלטען זיין שיין נאָך אַ טויטען,
אַזויווי צווישען אַ מחנה צדיקים —
אַ שטילער, פאַרשעמטער, פאַרטריבענער זינדער.
ווי גוט עס איז איצט אויפ'ן לאָנקע, ווי וואַרעם...
דאָס וואַסער אין טייכעל — ווי קלאָר און ווי זויבער!...
אַרום אויף די פעלדער צעשפרייט זיך אַ צויבער.
און דאָ, אין בית-מדרש איז אַלץ נאָך פאַרטרויערט,
אַן'אייביקער צער פון די ווינקעלעך לויערט,
און קוקט מיט פאַרדרוס אויף די שטראַלען די נייע,
אוי, אמר אביי! אוי, אמר אביי!

נור קומען די נאַכט וועט מיט זילבערנע שטראַלען,
מיט וואַרעמע ווינטלעך, מיט גוטע חלומות,

און איך וועל פֿאַרמאַכֿען די אַלטע גמרא,
פֿאַרלאָזען דעם גרויסען, פֿאַרקלערטען בית־מדרש
און גיין אויפ'ן לאָנקע, וואו גרעזעלעך וואַקסען...
דאָרט וועלען שוין וואַרטען אויף מיר פֿיר באַקאַנטע:
מיין טייערע ליבע, מיין שיינע הדסה, —
אַ ווערבע אַ שטילע, אַ טייכעל אַ קלאָרעס, —
און אויבען אַ גוטע לבנה אַ בלאַסע.

דערווייל איז נאָך טאָג, די גמרא איז אָפֿען...
האָב כח אויף וואַרטען, האָב קרעפֿטען אויף האָפֿען, —
און לערען, ביז קומען די שעה וועט די פֿרייע...
אוי, אמר אבּיי! אוי, אמר אבּיי!..

1906

# זכרונות.

אַ קליינע שטוב. באַם ברעג פֿון שטאָט —
אַ בוים פֿון ווילדע בערן,
וואָס האָט שוין שטיל הכנעהדיק
פֿאַר זיך געגומען דאַרען.

אַ באַנק פֿון גראָז און שטרוי'כען צוויי —
פֿאַרהילט אין ווייסע בליטען;
אַ גרינער טאָל מיט פֿרישען היי
און מיט אַ טייך אין מיטען.

אָט שפּרייט זיך אויס, פון גאָלד געוועבט,
אַ ליכטיקער פרימאָרגען;
דאָס הייזעל רויט מיט גרינס באַדעקט
און קוקט אַרויס אָהן זאָרגען.

אָט זע איך דאָרט אַ פענסטערעל,
אַ שטיקעל בלאָער הימעל;
אין גרינס געפּאַסט און שטיל באַהויכט
מיט שאָטענס פון אַ דרימעל.

איך ווייס דאָס אָרט, דאָס גליקליכע אָרט,
וואָס איך האָב שוין פאַרלוירען;
דאָס איז די היים, די שטילע היים
פון מיינע יונגע יאָרען.

דאָס איז דאָס לאַנד, דאָס טרוימען-לאַנד,
וואו איך פלעג אין מיין יוגענט

בײַ יעדער שטראַל אַ ברודער זײַן,
בײַ יעדער בלום אַ קרובֿ;

דערגרײכט דעם הימל מיט׳ן האַנט,
געשמועסט מיט די שטערן;
און אין די שטילע פֿרילינגסנעכט
פֿלעג איך דעם װעלטקלאַנג הערן.

די שפּראַך פֿון יעדן גרעזעלע
האָב איך דאַן גוט פֿאַרשטאַנען;
דעם װען פֿון יעדן װינט געװאוסט, —
װאוהין ער גײט, פֿון װאַנען.

געהאַט האָט דאַן פֿאַר מיר אַ זין
דאָס אַלץ, װאָס האָט קײן ענדע;
דער סוד פֿון בלום, דער הימעלסרוים
געװען איז אײן לעגענדע.

מיר איז באַקאַנט געוועזען אַלץ,
קיין זאַך נישט פרעמד פֿון ווייטען;
דער שעפּער פֿון דער גאַנצער וועלט
פֿלעגט פֿאַר מיין קליינעם פענסטערעל
אין זיין מרכבה רייטען.

1910.

# אידיליע

איך וויל, אַז מיין ליבע זאָל ווערען געשלאָסען
אין ערגעץ אַנ׳ענגען, אַ אידישען געסעל,
וואו ס׳שטייען די הייזלעך געדריקט, ווי אַ סטאַדע
פֿון שעפּסען, ווען ס׳שרעקען זיי וועלפֿישע ציינער.
אַנ׳עדות זאָל זיין די לבנה, און קיינער,
חוץ מיר, זאָל נישט קענען פֿאַרנעמען די קושען,
וואָס וועלען זיך טראָגען וואָס העכער און העכער
צום ליכטיקען הימעל, צום בלאָלעכען אָפּגרונט,
וואוהין עס וועט קוקען מיט בליקען פֿאַרבענקטע
די, וועלכע כ׳וועל שענקען מיין ליבע.

און ווען איך וועל גיין מיט מיין ליבסטע שפּאַצירען,
זאָל אונז נישט באַלייטען דעם נאַכטיגאַלס טרעלען,
נור שטיל זאָל זיך טראָגען פון ערגעץ אַ ווייטען,
אַ טונקעל-באַלויכטענעם, נידריקען פענסטער
אַ שטילער, פאַרטרויערטער אידישער נגון,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ ווייטען פאַרוויגען
אַ חלום פון זיסע און צערטלעכע שמאַרצען,
און טיפע, נאָך נישט קיין באַוואוסטע פאַרלאַנגען,
וואָס שוועבען, ווי עכאָס פון איינזאַמע קלאַנגען,
פון וועלכע עס וועבט זיך מיין ליבע...

און זיין זאָל מיין ליבסטע אַ בלאַסע, פאַרקלערטע,
מיט אויגען פאַרחלומטע, אָפענע, צאַרטע,
און בלאָע, אַזוי ווי אין פרילינג דער הימעל,
וואָס קוקט דורך אַ דורכזיכטיק שלייער פון טיולען;
מיט שוואַרצע, צעוואָרפענע, זיידענע לאָקען,
וואָס זאָלען באַזוימען איר פנים דאָס בלאַסע,
וואָס רעדט נישט פון טויט און פון בלומען, וואָס וועלקען,
נור עפּעס פון שטילע, באַהאַלטענע קרעפטען.

וואָס רייסען באַהאַלטענערהייט זיך צום לעבען,
אין פּערעל פון ריינע, קרישטאָלענע טרערען,
וואָס פאַלען, און פאַלען פון ליבע.

און זיין, וויל איך, זאָל זי אַ טאָכטער פון יענע
געבויגענע, פינסטערע, אָרעמע הייזלעך,
וואו ס'לעבט און עס ליידעט די זעל פון מיין אומה,
וואו ס'רעדען פון שמערצען נור בליקען שטומע.
און האָבען זאָל זי אויך אַנ'אַלטינקער מאַמען
מיט אויגען, וואָס וויינען און קושען צוזאַמען,
מיט ביינ'קע הענט, וועלכע האַלטען אין גלעטען,
מיט טרוקענע ליפען, וואָס שעפּטשען נור ברכות.
און ליב זאָל זי האָבען איר אָרעמער מאַמען,—
דער, וועלכע וועט בענטשען מיין ליבע.

און שטיל, אין אַ קליינינקען קאַמער, אין ערגעץ
אַ קליינעם, געבויגענעם, פינסטערען הייזעל,
זאָל אונז דערנאָך בענטשען אַ גרייזגראָער זיידע,

וואָס וועט אונז דעם חלום פֿון פֿאָלק איבערגעבן,
צו טראָגן אים ווייטער מיט גלויבן אין לעבן.
און מוטיק, געאָרעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטער
אַוועקגיין צום ליידענדן פֿאָלק און אים שענקען.
די אייביקע, הייליקע, ליבע...

1905

# III

## ווידמונג.

כ׳בין פֿאַרליבט אין דיר, מיין שטילע,
אין די טיפֿע, שוואַרצע אויגען,
וועלכע האָבען קילע שאָטענס
אין לבנהשיין געזויגען.

דיינע הענט, די צאַרטע פֿינגער—
נאָר פֿאַר סטרונגעס שטיל צו גלעטען,
און פֿאַר שבתליכט זיך רויטלען,
ווען די ליפּען ערנסט בעטען.

אין די טריט, וואָס שוועבען לאַנגזאַם,
גלייך, זיי וואָלטען גיין באַגלייטען
באַ דעם טאַקט פון טרויערטענער
שטיל אַ מיטה פון אַ טויטען.

רויערטענער, שטילע לידער
און אַ סוד פון ליכט און שאָטען,
ווייסע טרוימען פון אַ ליליע,
וועלכע ווערט דערנאָך צעטראָטען.

יא, איך ליב דיך, בלום פון טרויער,
און דאָס ביסטו, מיין געליבטע,
ווי אַ מלכה שטאָלץ, און אויגען—
פון אַ שכינה אַ באַטריבטע.

1911

## אַ בריף.

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערען,
אַ טאָכטער פון מאַרטירער ביסטו, קינד!
מיר מוזען גיין אין וועלט און דאָרטען פאָדערען
גערעכטיקייט פאַר אַלץ, וואָס ליידט אַצינד.

די רו לאָז אָפּ, מיין טייערע, אִנ׳אַנדערען.
נישט אונז געהערט פון פלאַנצונגען די פרייד,—
דעם שטעקען נעם, מיין קינד, און לאָ׳מיר וואַנדערען:
די וועלט איז ברייט און פול מיט טיפען לייד.

אונז איז באַשערט דאָס וויסטע פֿעלד צו אַקערען
פֿון מענשלעך גייסט און מענשלעכען געמיט,
מיט הייליק פֿלאַם דעם דאַרען סנה צו פֿלאַקערען,
נישט האָבענדיק די פֿרייד בשעת ער גליט.

די גאַנצע וועלט מיט דערנערקרענץ באַקרוינענדיק,
אַליין, אַליין זיך בלוטען אונטער זיי...
די גאַנצע וועלט מיט ליבעגלאַנץ באַשיינענדיק,
פֿאַרגיין אַליין אין דעם גת שמני-ווײי.

דערפֿאַר האָט גאָט, די גאַנצע וועלט באַשענקענדיק,
באַגנעדיקט אונז מיט יענעם טיפֿען בליק,
וואָס קען אין תהום פֿון ליידען, זיך פֿאַרבענקענדיק,
דערזען דעם גלאַנץ פֿון ווייטען, גרויסען גליק

דאָס בלוט פֿון קדושים פֿליסט אין מיינע אָדערען,
אַ טאָכטער פֿון מאַרטירער ביסטו, קינד!

מיר מוזען גיין אין וועלט און דאָרטען פֿאָדערען
גערעכטיקייט פֿאַר אַלץ, וואָס ליידט אַצינד.

# חלומות.

אָ, זיי, מיין געליבטע, אַ צאַרטע לעגענדע,
פֿאַרכשוף מיין הארץ מיט אַ טרוימענדען בליק,
זיי ווייט און געהיים און פֿאַרחלומט, אַזויווי
אין פֿרילינגסנעכט ווייסע די ברעגעס פֿון הימעל,
וואָס ציען, אַזויווי זיי וואָלטען באַהאַלטען
אין בלאָלעכען שלייער אַ גאָלדענעס גליק.

פֿאַרהיל מיך אין נעפּעל פֿון בליענדע לאָנקעס,
באַהאַלט זיך אין שאָטען פֿון רוישיקען וואַלד,

און ווינק מיר פֿון הימעל מיט פֿינקלענדע אויגען,
און בלאָנדזשע באַהאַלטען צווישען די זאַנגען,
און זינג מיט די קוואַלען מיר שטילע געזאַנגען,
און סודע מיר צאַרט דורך די שלאָפֿיקע גראָזען,
און זאָל זיך, מיט בלאָלעכע שטראַלען באַגאָסען,
פֿון ווייטען מיר ווייזען דיין שלאַנקעס געשטאַלט.

1909.

# ע ר ו ו אַ ר ט ו נ ג

גע𝐩אַלען איז אויף מיר
אַ שאָטען פֿון דיין קלייד,
אַ לייכטער זיידענשאָרך
האָט אויפֿגעדריקט מיין האַרץ.
איך שטיי אַליין און האָרך,
מיין זעל ג'יט-אויס פֿון פֿרייד,
און עמיץ סודעט מיר:
זי גייט, זי גייט, זי גייט!...

אָט הער איך דיינע טריט,
אָט דוכט מיר, דיינס אַ האַנט
באַרירט מיין ברעם, און גלעט,
און מאַכט דאָס אויג מיר צו;
איך הער דיין צאַרטע שטים,
זי זינגט, זי קושט, זי רעדט —
און טיף, און טיף אין מיר
וואַקסט-אויס אַ שטיל געבעט...

1910

## פאָרגעפיל.

עס איז אונזער ליבע, מײַן ליבסטע,
געקומען באַנאַכט מיר צו חלום,
געקליידעט אין שוואַרצען, אַ שטאָלצע,
און בלאַס איז געוועזען איר פּנים.

אַ קראַנץ פון פאַרטרוקענטע בלעטער
באַדעקט האָט איר קלאָר-ווייסען שטערן,
און ס׳האָבען באַצירט אירע ברעמען
צוויי ריינע קרישטאָלענע טרערן.

מיט ליפּען, פֿון ווייטיק געדריקטע,
האָט זי איבער מיר זיך געבויגען,
און איבער איר קאָפּ איז דער טרויער,
ווי אַ קראָע—אַ שוואַרצע געפֿלויגען.

1907

## דו ביסט אַוועק.

דו ביסט אַוועק—אַליין בין איך געבליבען,—
נור נישט די ערשטע ביסטו אין מיין וועג,
נישט איינע וועט פֿאַרבייגיין מיך און ליבען,
און זוכען וואו אַ רואיקערען ברעג.

אַ לייכטטורעם בין איך, וואָס שטייט פֿאַרוואָרפֿען
אויף אַ וויסטען אינזעל ערגעץ-וואו,—
עס קען מיין ליכט אין נאַכט קיין וועג נישט ווייזען—
עס קען מיין ליכט דערציילען נור פֿון רו.

דו ביסט אַוועק — אַליין בין איך געבליבען.
נישט איינע וועט נאָך אָפּשטעלען מיין ליכט,
נישט איינע וועט נאָך קומען און פאַרלאָזען,
נישט איינער וועט באַלייטען מיין געדיכט.

1909

# אַנטזאַגונג.

איִך ווייס, אַז דו וועסט שוין צו מיר מער נישט קומען,
און אפשר ביסטו באַ מיר קיינמאָל געווען, —
דאָס האָט נור דער פֿרילינג באַשאָטען מיט בלומען
מיין גאָרטען —
און איך האָב דיין בילד דאָרט געזען.

דער קאַרשענבוים האָט זיך פֿאַרוויקעלט אין ווייסען,
דעם בעזבוים באַדעקט האָט אַ דופֿטיקער שניי, —
און איך בין געגאַנגען די שניי־בלומען רייסען

פֿאַרנאַכט —
און געפֿונען דיין שאָטען אין זיי.

אַ קוועלכעל אַ קליינס האָט געפּליסט אין מיין גאָרטען,
אַ ווערבע געהיט האָט זיין קלאָרען קרישטאָל, —
באַם שיין פֿון לבנה אַוועק בין איך דאָרטען
באַם ברעג —
און דערהערט, ווי אין חלום, דיין קול.

איך ווייס, אַז דו וועסט שוין צו מיר מער נישט קומען,
און אפשר ביסטו באַ מיר קיינמאָל געווען, —
דאָס האָט נור דער פֿרילינג באַשאָטען מיט בלומען
מיין גאָרטען —
און איך האָב דיין בילד דאָן געזען.

1909

## ווי ווייט דו זאַלסט נישט זיין.

ווי ווייט דו זאָלסט נישט זיין, וועל איך דיר שיקען גריסען.
דו ביסט די לעצטע, וואָס דערמאָנט מיך אָן אַ היים.
אין אויסער דיר — וויל קיינער מיך נישט וויסען,
אין אויסער דיר — דערמאָנט מען מיך דאָ קוים.

און זאַל איך וועלען דאָ אָהן דיר אַ ווינקעל האָבען,
און זאָל מיין קאָפּ, חוץ דיר, דאָ אויפזוכען אַ שוים,—
ווייס איך נישט, וואו מיין זיידע ליגט באַגראָבען,
ווייס איך נישט, וואו עס איז מיין טאַטענס הויז.

מיין וועג צוריק צום וויג איז פול מיט טיפע גריבער,
און אָפּגעבערענט איז שוין דעם זיידענס שול פון לאַנג.
און אויב איך בענק וואָס — איז עס צו דיר אַריבער
און אויב איך זינג נאָך ווען — צו דיר איז מיין געזאַנג.

1910

## טרויריקע געדאַנקען

געגרייט מיט'ן וואַנדערערשטעקען דאָ שטיי איך
פאַרלאָזען. עס פרעגט מיך נישט קיינער, וואו גיי איך.
און גלייך, ווי אַ פויגעל, וואָס ציט זיך צו דרום,
צעשפרייט איך צו דיר אין מיין בענקשאַפט דעם אָרעם
איך רוף דיך באַהאַלטען באַ מיר אין מיין זינען;
צי וועל איך געפינען?

איך האָב דיינע טריט אויפ'ן גראָז אויפ'ן וויכען
באַ מיר אין מיין גאָרטען גענומען אַלס צייכען.

וואָס ווייטער, וואָס ווייטער האָב איך זיי פֿאַרלאָרען...
דאָ שלענגעלט אַ טייכעל, דאָ כוואַליעט זיך קאָרן —
איך שטיי ביז עס הייבען מיר טרערען אָן רינען;
צי וועל איך געפֿינען?

ווער ווייס, וואו מיין אומענדלעך וועג וועט מיך פֿירען,
און בלאָנדזשענדיק, קאָן איך דיין בילד נאָך פֿאַרלירען,
און קומענדיק ווען צו דיין שוועל שוין אַ מידער,
אַ קראַנקער, צו זוכען אַ רו פֿאַר די גלידער,
וועל איך פֿאַר אַ ווינקעל, פֿאַר עסען דיר דינען,
נישט וויסענדיק ועמען, און בלייבען און פֿרעגען:
צי וועל איך געפֿינען?

1910

# אין וועג.

צי ווייס זי דען, וואו איך דערמאָן זי,
צי זעט זי אין איר חלום איצט:
אַ שלאָפיקען וואָקזאַל אַ גרויסען,
אַ פוסטען פּאַלאַץ אין דער וועלט;
און מיך לעם אים אַליין אינדרויסען,
איר נאָמען שטאַמלענדיק פון קעלט.

גלייך ווי אַן׳אָפּגעריסען בלעטעל,
וואָס טראָגט זיך זוכענדיק זיין בוים;

גלייך ווי אַ וואַנדערער, וואָס שטאַמעלט
אין וועג דעם נאָמען פון זיין היים.

אָ, מאָרגענרויט פון ווייטען מזרח,
דו דרינגסט דאָך אומעטום אַריין,
געפין דאָס פענסטער פון מיין ליבסטע
און ברענג מיין גרוס איר מיט דיין שיין.

און אויב זי שלאָפט—אַ וויסער פאָרהאַנג
פאַרשטעלט איר פענסטערעל געוויס —
דאַן ציטער-אויף אין זיינע פאַלבען
און זאָל דער ציטער זיין מיין גרוס.

און אפשר איז זי וואַך?—איר באָבע
פלעגט אויכ'עט אויפשטיין מיט דיין ליכט
און פון אַנ'אַלטען קרבן-מנחה
צו גאָט אַ תפילה אָפגעריכט.

און אפשר איז זי איצט מתפלל
צום טיפֿען טרויער, וואָס אין מיר—
דאַן גליטש זיך דורך דורך אירע לאָקען
און שטער די תּפֿילה נישט אין איר.

1910

# אַ חלום.

אַ פֿרעמדע שטאָט, אַ נעץ פֿון גאַסען,
איך גיי און גיי און זוך אַ טיר,
וואָס זאָל מיין שטילען קלאַפּ דערקענען
און זאָל זיך עפֿענען פֿאַר מיר.

איך גיי פֿון שטוב צו שטוב אָהן ענדע,
באַ יעדער—בלייבט די טיר פֿאַרמאַכט;
אָט קלאַפּ איך, דוכט זיך, אין דער לעצטער
און בעט אַנ׳אָפּרו אויף דער נאַכט.

איך שטיי און קלאַפּ, עס פֿאַלען שאָטענס,
עס ציען וואָלקענס זיך אין הויך,
אָ, גאָט, די לעצטע טיר זי רירט זיך...
עס פֿרעגט אַ פֿרויענשטים מיר ווייך.

די טיר זי עפֿענט זיך אינגאַנצען,
עס הילט מיך איין אַ צאַרטעס ליכט,
עס שטייט אַנטקעגען מיין געליבטע,
אַ שמייכעל שוועבט אויף איר געזיכט.

אין האַנט האַלט זי אַ ליכט, די צווייטע,—
זי נעמט אַרום מיין מידען קאָפּ.
איך פֿאַל און קוש דעם שוועל דעם לעצטען
פֿון לעצטען ווינקעל, וואָס איך האָב.

1910

# ווען דו וועסט אַוועקגיין.

ווען דו וועסט אַוועקגיין—תהלים וועל איך זאָגען.
פֿאַר דעם אַלטען ספֿר וועל איך זיך באַקלאָגען.
דאָרטען, וואו אַזויפֿיל טרערען שטילע פֿאַלען,
איינזאַם וועט מיין טרער איר ווינקעל אויך געפֿינען.

דאָרטען האָב איך קברים טייערע, געליבטע.
עס קוקען שטיל מיין מאַמעס אויגען די באַטריבטע.
און פֿון יעדער שורה פֿליסט צו מיר איר תּפֿילה,
פֿול מיט טרייער ליבע, ווי אַ טרייסט אַ שטילע.

וואָ פֿאַרנאַכט, אין שעה פֿון ווייכען, מילדען קימער, —
צושליסען וועל איך די טיר בײַ מיר אין צימער;
אויפֿמאַכען דעם ספֿר. און מיט זיין אַלטען ניגון
וועל איך אין מיין זעל דעם טיפֿען צער פֿאַרוויגען.

און אין חלום וועט מיין טרוים-געליבטע קומען,
נישט אין ווילדע טענץ, פֿאַרצירט מיט בונטע בלומען;
אין דער אַלטער שול, דאָרט וואו די ווייבער זיינען,
וועט אַ הייליק שטראַל איר בלאַס געזיכט באַשיינען.
דורך די פֿענסטער, לייכטען וועלען מיר פֿון אויבען
אירע צאַרטע בליקען, פֿול מיט טיפֿען גלויבען.

קיינער וועט נישט זיין, נאָר איך מיט איר אינאיינעם.
אויפֿגעבונדען מיט אַ ווייטען טרוים אַ שיינעם,
וועלען מיר צוזאַמען, ווייט פֿון אַלע מענשען,
בעטען גאָט, ער זאָל די ליבע אונזרע בענטשען.

# IV

*

* *

מיין ליד איז געפאַנגען אין ריטם פון טרויריקע, שטילע גע-
זאַנגען,
עס סודען די ווערטער, ווי בלעטער וואָס וועלקען און
פאַלען פון בוים;
עס ציען זיך פערזען נאָך פערזען, ווי בייטען מיט שפּעטיקע
זאַנגען
פון אונטער אַ הימעל אַ גראָען, וואָס זיפט מיט אַ רעגעלע קוים...

אַזויווי אַ מחנה יתומים, וואָס בלאָנדזשען אָהן טאַטען אָהן מאַמען —
אַזוי זוכען-אום מיינע לידער אַ זעלע, וואָס זאָל זיי פאַרשטיין.

און שטיל אין דער וועלט, מיט דער עלענדער איינזאַמער
שכינה צוזאַמען,
באַקלאָגען זיי פאַר זיך דעם חרבן און זוכען אַ טרייסט אין געוויין.

פאַרוואָגלט אייך, לידער, פאַרוואָגעלט! געפינט וואו אַ שול
אַ פאַרלאָזענע,
וואו ס׳דאַוונען די פייגעלעך שחרית, און מעריב—דער נאַכטיקער
ווינט.
פאַרוואָגעלט אייך! טאָמער געפינט זיך נאָך דאָרטען אַנ׳אויג
אַ פאַרטרערטע
און ס׳מורמעלט נאָך „טאַטע״ און „מאַמע״ אויף אידיש
אַנ׳אידישעס קינד.

## מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול,

ביז די טריט פון דעם לעצטען אין ווייט וועט פאַרשווינדען,
און ס'וועט דער נר־תמיד פאַרלעשען דעם ווינט,
דאַן וועלן מיר ווידער זיין ליכטעל אָנצינדען.
מיין קינד!
עס טאָר זיך נישט לעשען,
מען טאָר נישט פאַרגעסען
צו שטעלן אַ יאָרצייט דער שכינה פון פאָלק.
מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול...

און שחרית, און מנחה און מעריב פֿאַר אַלע
דאַן וועלען מיר דאַוונען און בעטען אַליין...
און ווען עס וועט קומען פֿון שבת די כלה,
דאַן זאָלסטו פֿאַרמיידען געוויין.
מיין קינד!
מען טאָר נישט באַטריבען,
זי איז אונז געבליבען
דער איינציקער פֿריינד פֿון אַמאָל...
מיר וועלען פֿאַרבלייבען אין שול...

די שול דאַרף קיין עולם פֿון טויזענטער מענשען:
פֿון אייביק אָן היטען יחידים איר פּראַכט.
זי וועט, ווי אַ מאַמע, אונז טוליען און בענשען,
ביז וואַנען ס'וועט קומען די אייביקע נאַכט.
מיין קינד!
נאָך אונז וועלען זינגען די פֿייגעלעך שירה,
דער נאַכטווינט, ער וועט אונז באַווייגען אין חצות.
פֿאַרנאַכט, אין דעם שיין פֿון די פּורפּורנע שטראַלען,
וועט סודען שטיל נעילה אַ טרוקענער גראָז...
מיר וועלען פֿאַרבלייבען אין שול...

## געשטאָרבען דער לעצטער בעל־תפילה.

געשטאָרבען דער לעצטער בעל-תפילה,
פאַרשלאָסען שטייט איינזאַם די שול.
די פענסטער פאַרשלאָגען—און שאָטענס
פאַרשעמטע זיי מאַכען זיי פול...

עס ליגט ווי אַנ׳אייביקער טרויער
אַריבער די נאַקעטע ווענט.
און אונטער דער קרוין פון כּהונה
פאַרבראָכענע רוען צוויי הענט...

געשטאָרבען דער לעצטער בעל-תּפילה,
נ׳שטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין;
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר-תּמיד
באַ זיך אין זיין ווינקעל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון אָרון
די שכינה אַנ׳עלענדע שטייט;
איר קאָפּ איז געבויגען אין טרויער —
און שוואַרץ, ווי די נאַכט איז איר קלייד.

און ס׳דוכט: אירע ליפּען זיי מורמלען
אַ שטילעס, אַ לעצטעס געבעט, —
און ס׳הערט זיך אַ שטים פון פּרכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט!..

## וואו זאָל איך בעטען.

וואו זאָל איך בעטען?
באַ וועמען, באַ וועמען?
ווער וועט מיר מיין איינזאַמע תפילה פאַרנעמען?
דער איינציקער בלייבט מיר דער אַלטער פרכת,
דער אַלטער, פאַרשטויבטער,
באַ אים אין די פאַלבען
פאַרבאָרגען מיין פנים וועל איך און אָהן כחות
איינדרעמלען.
און זאָל אין מיין חלום דער זיידע מיך זאַלבען
פון כוס, וואו עס רוען די אייביקע טרערען;

דערבײַ זאָל בײַ יעטװעדער שטענדער אַ שאָטען
פֿון קדוש־השם בײַ אַ ליכט שטײן געבױגען.
אַ ציטער פֿון פֿלעמלעך
און אויגען פֿול גלויבען
צו מיר, צו דעם עלענדען, זאָלען זיך הויבען;
און שטיל מיר פֿאַרטרויען די הייליקע סודות
און זײַן פֿון מײַן תּפֿילה די אײנציקע עדות.
װער װײס?
אפֿשר װעט זי שוין זײַן גאָר די לעצטע
און קלאַפּען די לעצטע אין הימעלשען טויער,
װאָס װעט זיך נאָך איר שוין אויף אײביק פֿאַרמאַכען,
אַזױװי די טיר פֿונם אַלטען בית־מדרש,
אַזױװי דער סידור, װאָס ליגט אויפֿ'ן עמוד,
אַזױװי דער אָרון, װאו ס'רוען די ספֿרים,
אַזױװי אין האַרצען בײַ מיר איז דער טרויער.

# פאַר אַ מאָנאַסטיר.

הויכע ווייסע ווענט און קליינע שטילע פענסטער,
ערטערווייז מיט פאָרהאַנגען פון גרינס פאַרשטעלט;
אַ צאַרטער, ראָזער שיין, אַ מילדער ווינט פון אָוונט—
דאָס איז פון טרוים אין רו דאָס אייביקע געצעלט.

אָט פלאַמט אין יעדער פענסטער אויף אַ קליינעס ליכטעל
און אויף די ביימער פליסט דורך זיי אַ שטיל געבעט;
עס ציטערט אויף אַ גלאָק און שיקט אַ גרוס די פעלדער
און ס׳דוכט מיר, אַ מאָנאַך שטייט אויף פאַר מיר און רעדט:

אַלע, אַלע ערטער האָבען מיר פֿאַרנומען,
אַלע וועגען האָבען מיר פֿאַרשטעלט פֿאַר דיר..
דו וועסט מוזען, ליבער, דו וועסט מוזען קומען,
ווי אַ וואַנדרער—קלאַפּען שטיל אין אונזער טיר.

ווען דו וועסט פֿאַרלירען דאָרט דאָס לעצטע ווינקעל
און קיין בליק וועט מער נישט גלעטען דיין געזיכט,
דאַן וועסטו אין אונזער פֿענסטער זען אַ פֿינקעל,—
אין דיין עלע וועט זיך אָנצינדען אַ ליכט.

קיינער, קיינער וועט נישט שטערען דיר דיין רוע,—
מער נישט, ווי די גרינע ביימער רוישען דאָ,
דורכ׳ן פֿענסטער וועסטו זען נור פֿעלדער תּבֿואה.
און דעם אומבאַגרענצטען, טיפֿען הימעלס בלאָ.

דו וועסט אַלץ פֿאַרגעסען, דיינע טרוימען ווע׳לען
פֿון דיין פֿאָלק דעם חרבן נישט באַווייזען מער;

אַ פֿאַרוועלקטע ליליע אין אַ כּוס מיט וואַסער
וועט בשעת דיין תּפֿילה איינזאַפּען דיין טרער.

## צווישען די זאַנגען.

צווישען די זאַנגען,
פֿון טרויער געפֿאַנגען,
זוך איך אַ שטעגעל, וואָס פֿירט צו אַ היים.
די זון איז פֿאַרגאַנגען...
עס טראָגען זיך קלאַנגען
פֿון קלויסטער צו מיר,
און זאָגען:
„באַ אונז איז אַ היימאַט פֿאַר דיר...

„עס שטייט אונזער טורעם
באַשיצט פון אַ שטורעם
מיט דעמבעס אוראַלטע,
וואָס היטען זיין רו.
מיר וועלען דיך וויגען,
אויף גראָז וועסטו ליגען—
עס וועט אונזער נגון
דיר וועבען דעם חלום
פון אייביקער רו..."

די קלאַנגען זיי זענען געוואָרען אַנטשוויגען;
איך זע נאָר דעם גאָלדענעם צלם פון טאָל.
ער פינקעלט אין פורפור,
און ברענט, ווי אַ פלאַקער
און שפריצט אויף די ביימער מיט בלוט און מיט שטאָל.
אָט דוכט מיר, אין שאָטענס, צווישען די שטאַמען
שטייט-אויף מיט'ן פינקלענדען נעפעל צוזאַמען
אַ גרייז-גראָער מאַן מיט אַ שטעקען אין האַנט.
די אויגען פול טרערען, מיט בלוט אויפ'ן שטערען,
איין האַנט אין דער לופטען, ווי זי וואָלט זיך ווערען,

אַנטקעגען דער ווייסער, דער קלויסטערשער וואַנט
אָט עפּענט זיך, דוכט מיר, דער טויער פון קלויסטער.
פֿון ווייטען באַווייזען זיך רייטער אויף פערד,
אַפֿריער רייט איינער פאַרוויקעלט אין שוואַרצען.
עס פלאַמט, ווי אַ פאַקעל, זיין שטאָלענע שווערד.
עס טראָגען זיך טענער פון אָרגעל.

דער רייטער

דערנענט זיך צום אַלטען, וואָס ציטערט פאַר שרעק.
עס וואַרפט די לבנה איר זילבערנעם אָפּגלאַנץ
און ווייזט אים צווישען די שטאַמען דעם וועג.

עס טראָגען זיך טענער, עס צינדען זיך ליכטער,
עס פלאַמען, די פענסטער פון קלויסטער אַרום.
אָט הייבט ער, דער שוואַרצער, זיין שווערד אויפ'ן אַלטען,
דער אַלטער ווערט שטאָלצער, פאַרגליווערט און שטום.
עס שלייכען מאַנאַכען פאַרוויקעלט אין ווייסען,
עס ציען זיך מאַגערע פינגער און רייסען
אומשולדיקע ליליען פון טויאיקען גראָז.
די שווערד האָט דערגרייכט ביז'ן ברוסט פון דעם אַלטען,

עס רוקט זיך זיין ברוסט צו דעם שאַרף צו דעם קאַלטען.
די ליפּען זיי פּלוכען דעם שוואַרצענס געבּאָט.
עס שימערט דאָס בלוט אויף די ליליען די ווייסע,
עס ציטערט דער קלויסטער פון לעצטען „אחדו״

— — — — — — — —

די נאַכט איז אַראָפּ
און פאַרלאָשען די שטראַלען, —
דאָס בילד איז פאַרשוואונדען.
לעם מיר אויף אַ זאַנג
האָט שטיל זיך צעפּינקעלט אַ טראָפּען אַ קלאָרער
און קוקט אויף מיר עלענד, און קוקט אויף מיר באַנג.
אין ערגעץ פון וויטען דערגרייכט מיר אַ בת-קול
אַזוי־וויי אַנ׳עכאָ... מיר דוכט, אַז איך הער:
זוך ווייטער דיין היימאַט;
נישט דאָ וועסטו רוען,
וואו ס׳טראָגען זיך תּפילות
באַם גלאַנץ פון געווער,
וואו יעטוועדער קלאַנג איז דיין ליידענס אַ קללה
און יעטוועדער טראָפען—דיין ליידענס אַ טרער.

# אַ תּ פ י ל ה.

אַ, גרױסער גאָט!
איך בעט דאָך אַזױ װײנציק.
װי קלײן עס איז און נישטיק מײן באַגער:
אַ קבר גיב מיר נור,
װאו איך זאָל רואיק ליגען,
און פֿאַלען זאָל אויף אים
מײן אײגען קינדס אַ טרער.

און װיסען זאָל איך, װען איך װעל מײן אויג פֿאַרמאַכען.

אַז אונטער יענעם בוים, וואָס וועט מיין רו באַשיצען,
וועט אין אַ זומערטאָג אַנ'אוראייניקעל זיצען
און לעזען שטיל פון מיין מצבה שטיין
דעם נוסח דאָרט, געקריצט אין שפּראַך פון מיינע אבות,
און לעזענדיק די ווערטער — כאָטש פאַרשטיין.
ניין!
איך דאַרף נישט דיינע הימלען...
אויב זיין אַ שאָטען איז מיר דאָ באַשערט,
נעם צו ביי מיר די אייביקייט פון אויבען
און שענק מיר דאָ
אַ ווינקעל אויף דער ערד.
דאָס איז די ערגסטע שטראָף:
צו שטאַרבען אויף די וועגען—
נישט וויסען, וועלכער פוס
וועט טרעטען אויפ'ן אָרט,
וואו ליגען וועט מיין קאָפּ
און שוועבען מיינע טרוימען,
וואו אָפּקלינגען אין לופט
וועט שטיל מיין לעצטעס וואָרט.

V

# שבת חזון.

אין שוואַרצען טו זיך אָן, מיין פריינד,
און גיי-אַרויס מקבל-זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער,
אין שטילען, ראָזען נעילה-שיין.

און ווען זי וועט מיט שטילע טריט
אַדורכגיין אונזער אָרעם גאַס,
צינד-אָן מיט טרויער אירע ליכט
און זאָל דיין אויג פאַרבלייבען נאַס.

און נאָכדעם גיי-אַרויס אין פּעלד,
און הער זיך צו צום אָווענטקלאַנג
און זאָג: דער פרעמדער גאָרטען בליט,
פּאַרוועלקט איז אונזער שוין פון לאַנג.

און זאָג: די חורבה איז פּאַרלאָזט,
עס ברומט שוין נישט אין איר קיין טויב, —
דער שיינער טרוים פון אויפבויען
דערשטיקט האָט זיך אין אַלטען שטויב.

און ווען עס וועט דער לעצטער שטראַל
פּאַרגיין, דאַן קום אין שול צוריק,
באַהאַלט זיך אין אַ ווינקעל שטיל
און האַלט אַראָפּגעלאָזט דיין בליק.

אין שוואַרצען טו זיך אָן, מיין פריינד,
און גיי אַרויס מקבל-זיין

די מלכּה שבת מיט דיין צער
אין דעם, נאָך בלאַסען, נעילה-שיין,

1909

# ע ל ע ג י ע ם.

## I.

אַ צער פֿון טויזענט דורות ליגט אויף מיר,
דער גרויסער פּיין געשטעמפּעלט האָט מיין שטערן.
מיין טייערע, ווער ווייס צי איך וועל ווען
דעם שופר פֿון מיין אויסלייזונג דערהערען!

מיין טייערע, איך ווייס נישט וואָס איז שווער,
צי הבֿלס טויט, צי קינס לאַנגעס לעבען, —
נאָר מיך באַשטראָפֿט אין צווייען האָט מיין גאָט:
ער האָט דעם צער פֿון ביידען מיר געגעבען.

אַליין בין איך פֿון אַלעמען פֿאַרשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פֿון אַלע מענשען —
וואו נעמט מען, זאָג, די כּחות פֿון אַמאָל,—
אין פֿייער גיין — און גאָט פֿון דאָרטען בענשען!

1912

## II.

פֿאָרוֹיס איז גאָר נישטאָ, דער וועג וועט זיין אומענדלעך...
באַהאַלט זיך ערגעץ וואו, און גיב זיך אָפּ דיין טרוים.
נישט וואַרט אויף אים, מיין פֿריינד, ער וועט צו אונז נישט קומען—
דערשלאָגען ליגט ער ביי די טויערן פֿון רוים.

נישטאָ קיין רחמים מער; דער הימעל איז פֿאַרשלאָסען;
די שכינה איז אַוועק, געלאָזען אונז אַליין.
און גרויס איז אונזער צער, ער שטייגט אַריבער וועלטען,
און מיר, מיר זענען מיד אַנטקעגען אים און קליין.

דער זיידע איז שוין טויט, די ליכט אין שול פֿאַרלאָשען,
דאָס לעצטע אויג פֿאַרמאַכט, די לעצטע וואַנט צעשטערט.
איין טרייסט איז נאָך פֿאַראַן: עס וועט מיט אונז צוזאַמען
אויך אונטערגיין די לעצטע גאולה פֿון דער ערד.

1912

## III.

פֿאַר דיינע אַלטע חורבות שטיי איך פֿול מיט מורא,
און גלייב, עס וועט אין זיי אַ גרויסער נס געשען...
ווער ווייס, צי שרייבט מען איצט נישט דאָרט אַ נייע תּורה
און פּלוצלינג וועט די וועלט אַ נייעס ליכט דערזען.

ניין, ניין, ניט קלאַפּ, ניט רוף אין פֿרעמד-פֿאַרמאַכטע טירען
אַ נייער נביא וועט נאָך אויפֿטרעטען דיין שוועל
און וועט די גאַנצע וועלט אין דיינע וועגען פֿירען
און הייסען טרינקען פֿון דיין אַלטען וואונדערקוועל.

אָ, גאָט, דערנענטער שוין דעם נס, און זאָל ער קומען, —
עס בייגען זיך די קני פֿאַר מידיקייט און צער,
זאָל ווידער אויפֿבליען דער וואַנדערשטאָק מיט בלומען;
זאָל ווידער אויפֿטון זיך דער העלער רחמים־שער

1912

## משיח.

עס קלינגען די קייטען ביים טויער פון רוים—
דאָרט זיצט ער מיט אָפענע וואונדען.
זיי וויטיקען, קינד מיינס, מיט אונזערע לייד,
און ווערען נישט קיינמאָל פאַרבונדען.

און טויזענטער יאָרען פאַרגייען אַזוי
אין שטילע יסורים ביים טויער.
און טיף אין אים קלייבט זיך דער אייביקער וויי,
און ס'וואַקסט אַלץ דער אייביקער טרויער.

נאָר תשעה-באב, ווען עס קומט האַלבע נאַכט,
און פול ווערט מיט רחמים דער הימעל,
דאַן פֿאַלען צוויי שטערען אַראָפּ, און ער ווערט
פֿאַרוויגט אין אַ הייליקען דרימעל.

דאַן נידערט די שכינה אַראָפּ אויף זיין קאָפּ
און קושט אים מיט ליבע אין שטערן,
און טרייסט אים און ווייזט אים די גאולה אין טרוים,
און ווײנט מיט באַהאַלטענע טרערען.

1912

* *

*

מיין פֿאָלק, עס געהערט מיין נשמה דיין טרויער.
אַזויווי די שכינה אין שוואַרצען פֿאַרהילט,
וועט זי אייביק זיצען מיט בענקשאַפֿט ערפֿילט
ביי דיר אויף דיין אַלטען צעוואָרפֿענעם מויער...

און דאָרט, אויף די חורבות פֿון בלאַסלעכע שטראַלען
וועט זי איינזאַם שפּינען מיין צערטלעכעס ליד,
וואָס וועט דיך דערגרייכען פֿאַרחלומט און מיד,
און שטיל אין דיין זעלע, ווי פּערעל צעפֿאַלען...

מיין ליד וועט אַנ׳איינזאַמע תּפֿילה דיר ווערן,
אַ בעכער פֿאַר דיינע פֿאַרלאָזענע טרערן;
מיט אים וועסטו וועבן דיין טרױעריקן ניגון,
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פֿאַרוויגן! ..

1908

* *
*

דאָס זענען טייערע, די זיידגעוועבטע,
די ווייסע העמדעלעך, מיט בלוט באַפּלעקט;
די שטילע מעשיות פֿון מיין בלאַסער שוועסטער
וואָס האָבען תּמיד מיך פֿון שלאָף געוועקט.

זיי פּלעגען מחנותווייז אַרום מיין וויגעל
באַוואַכען, שוועבענדיק אין שטיל געוויין;
און פאָכענדיק מיט איר פאַרבלוטיקט פליגעל,
צוקאָפּענס פלעגט ביי מיר די שכינה שטיין.

אין לאַנגע ווינטערנעכט, אין גרויסען שווייגען,
בשעת עס יאָמערט נור דער ווינט אין גאַס,
אין נעכט פון פרילינג, ווען די יונגע צווייגען
דערציילען, וויגען זיך, פון טויען נאַס.

ווי זומערפייגעלעך פון אַלע פאַרבען,
באַפאַלען אָוועגטצייט אַרום אַ ליכט,
געסודעט האָבען זיי: „נישט לאָז אונז שטאַרבען!"
און שטיל געטוליעט זיך צו מיין געזיכט.

דער שוועסטערס מעשהלעך, דער קלאַנג פון קלויסטער,
דאָס יאָרצייטפלעמעל אין דער אַלטער שול,
די אַלע עדות פון מיליאָנען לעבענס —
מיט גייסטער פלעגען זיי מיך מאַכען פול.

און בין־השמשות־צייט, ווען מתים וואַכען,
און קליינע קינדער הערען פרעמדע טריט

און טירען נעמען זיך אַליין פֿאַרמאַכען,—
באַפֿאַלען פֿלעגען זיי דאַן מיין געמיט.

1911

## עלילת דם.

### I.

באַכט און שטערען און דאָס רוישען
פון אַ ווייטען קוואַל אויף שטיינער;
גרינע ווענט פון בלעטער פייכטע,
און דעם ווינטעלס טריט די לייכטע
אויף די שפּיצען פון די ביימער..
אַ געשלענגעלט׳ וועג.. אַ גאָלדנער
צו אַ טיר מיט מעש באַשלאָגען;
איבער איר אַ בילד אַ הייליקס,
קוים באַלויכטען מיט אַ לעמפּעל,
אין דעם שאָטען פון אַ גרויסען

און אַנ׳אַלטען, גראָען טעמפּעל.

נאַכט און שטערען. אין דעם שוואַרצען
אָפּגרונט פון די אַלטע דעמבעס
פינקלען-אויף אין טוי פון אָוועגט
בלעטער גרינע, רויט באַזוימטע.
ביי אַ פּאַקעלגלאַנץ אַ ווייטען,
אין אַ ווינקעל שטיל באַהאַלטען,
סודען זיך אין פרילינגסשווייגען
אַ מאָנאַך אין צוויי געשטאַלטען...
— אַלץ איז צוגעגרייט?
— דער בעכער
מיט דעם בלוט איז דאָרטען, פּאָטער..
— נאָר געדענקט... דער קלענסטער פעלער!...
— זאָל דער פייכטער קלויסטער קעלער
אונז פאַרשלינגען, אויב מיר וועלען...
— מאָרגען, ווען דער גלאָק וועט קלינגען?
— זייט געזיכערט אויף די מענשען...
— בענטש אונז, פּאָטער!

— גייט אין פרידען!—
אייך וועט שוין דער הימעל בענשען..

— — — — — — — — — — — — —

אויסגעלאָשען איז דער פאַקעל...
ווידער שאָטענס, ווידער שטערען..
אין דעם פייכטען גראָז דעם ווייכען
קאָן מען קוים די טריט דערהערען...

II.

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען,
עס צאַנקט נאָך אין מערב איר שיין.
באַגלייט פון דריי גאָלדענע שטערען,
איז רואיק דער יום-טוב אַריין.
עס לייכטען די פענסטער אין געטאָ,
די טישען—זיי שטייען געגרייט;
און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטען
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די נאַכט קומט אַלץ נענטער און נענטער.
עס ברענען די היילִיקע ליכט.
אין יעטוועדער שטוב שטייט אַ מאַמע,
פאַרדעקט מיט די הענט איר געזיכט.
עס רינען פאַרלאָזענע טרערען
און ווערען אין געטאָ צעשפּרייט
און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטען
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די טרערען זיי ווערען פאַרשוואונדען.
דער בעכער איז, דוכט זיך, שוין פול
עס שטייען די קינדער און וואַרטען,
דער טאַטע זאָל קומען פון שול.
די פנימלעך לייכטען פון שמחה, —
אין בגדים אין נייע געקליידט —
און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטען
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

פֿון שניי איז נאָך ווייסער דער טישטוך,
עס ווינקט פֿון די כּוסות דער וויין —
עס דוכט זיך, אַז אייביק, אַז אייביק
וועט רואיק און ליכטיק דאָ זיין;
עס דוכט זיך, אַז אַלץ איז פֿאַרגעסען,
פֿאַרשוואונדען די אייביקע לייד...
נאָר שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטען
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

אָט גנבעט זיך איצטער פֿון דאָרטען
אַ מענשעל מיט איילקע טריט.
באַהאַלטען צווישען דיביימער,
פֿון אויגען פֿון פֿרעמדע געהיט.
אָט קומט ער שוין נענטער צום געטאָ,
עס הערט זיך פֿון קלויסטער אַ קלאַנג...
דער טויט האָט פֿאַרלאָזען זיין ווינקעל
און גנבעט זיך שטיל, ווי אַ שלאַנג...

III.

פּו דער שול: די לייכטער ברענען,
און אין די פֿענסטער קוקט די נאַכט...
עס שטייט דער עולם שמונה-עשרה
און האַלט די אויגען צוגעמאַכט...
עס ציטערט יעדערען אין האַרצען
אַ שטראַל פֿון פריידֿ און שטילער רו.
פֿאַרטיפֿט איז יעדער אין זיין תּפֿילה
און זעט נישט ווי די שרעק קומט צו.

עס זעט נישט קיינער, ווי באַהאַלטען
אַנ'אורח איז אין שול אַריין
און אין אַ ווינקעל, ווי אַ גנב,
פֿאַרשטעלט, פֿאַרדעקט זיך פֿון דער שיין;
ווי שלעכט עס פֿינקלען זיינע אויגען,
ווי בייז עס שלענגעלט זיך אַרום
די ליפּען שטיל אַ לייכטער שמייכעל,
און ווערט פֿאַרשוואונדען נאָכדעם שטום.

אָט ענדיקט זיך שוין באַלד די תּפילה.
עס וואַרט דער חזן אויפ'ן רב,
וואָס שטייט אין מזרח, ווי פאַרגליווערט,
גלייך ווי פאַרזונקען אין אַ שלאָף.
נאָר צייטענווייז לויפט דורך אַ ציטער
זיין שוואַרצע קאַפּאָטע פון זייד
און ס'רינט אַ טרער אויף זיינע באַקען,
וואָס זענען ווייסער נאָך פון קרייד.

עס שטייט דער רב און זעט נישט קיינעם,
באַהערשט האָט אים אַ שלאָף געהיים.
שטיל און צעשפּרייט פאַר זיינע אויגען
האָט זיך אַ מוראדיקער טרוים.

ער זעט: די שול, זי שטייט אין פלאַמען
און פול מיט אידען ביז'ן טיר,
און קיינער קאָן קיין וועג געפינען,
אום זיך צו ראַטעווען פון איר...

עס הערט זיך שרעקלעכע געשרייען...
אָט זעט ער, ווי דער דאַך—ער פֿאַלט.
נאָר פּלוצלינג האָט אַ שטראַל אַ ווייסער
די אויגען זיינע ווי באַשטראַלט.

און צו זיין אויער איז דערגאַנגען
אַ קול, וואָס האָט אים שטיל געזאָגט:
— עס דרעמעלט נישט און שלאָפֿט דער היטער
פֿון די, וואָס זענען דאָ פֿאַריאָגט.
און אויפֿגעמאַכט האָט ער די אויגען.
און פּלוצלינג!... גרויסער גאָט!... אָ, גאָט!...
פֿון גאַס דערנענטערט זיך אַ טומעל,
אַ שרעק פֿאַלט אויפֿ׳ן עולם אָן.
עס קומט אַלץ נענטער צו אַ בייזער קלאַנג פֿון שווערדען
און שווערע טריט... אַ הויכער קלויסטערשער געזאַנג...
עס ברעכט זיך אויף די טיר... אַ מענגע שוואַרצע מאַסקעס.
פֿאָרויס אַ גלח מיט אַ צלם אין דער האַנט ..
דערשראָקען שיינט דאָס ליכט אין שפּיגעל פֿון די קאַסקעס;

עס וואַרפט אַ בייזען גלאַנץ דאָס בלאַנקע מעש פון זיי...
אַ שטיל-פאַרשטיקטער „אוי" —
פאַרגליווערטע געזיכטער...
עס לעשען זיך די ליכט;
דער שאָטען ווערט געדיכטער...
דער גלח נעענט זיך מיט פעסטע טריט אַהין,
וואו ס'שטייט דער ארון-קודש, שטאָלץ פאַרהילט אין סודות,
און פלוצלינג שניידט די שטילקייט דורך אַ פרעכע שטים...
עס וואַקסט נעם גלח אויס דער איינגעהילטער אורח,
עס ציט זיך צום פרכת אויס אַ דאַרע האַנט,
אַזויווי זי וואָלט גרייט געווען צו זאָגען עדות.
און ס'קלונגען-דורך די ווערטער שאַרף, מיט וואוט:
— אָט דאָרטען, דאָרטען שטייט דער בעכער מיט דעם בלוט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שאַ... ס'רירט זיך דער פרכת אויפ'ן ארון;
עס מורמעלט יעדערער אַ תפלה פאַר זיך שטיל:
אָ, גרויסער גאָט... נישט לאָז אונז גיין פאַרלאָרען...
ווע מעס האַנט — אָ, וואונדער! — עפענט ביידע טירען?
וועמעס ליכט באַלייכט די ספרי-תורות דאָרט?
עס שטייט דער עולם, ווי פאַרגליווערט פון דעם וואונדער...

קיינער וואָגט זיך נישט צו רירען פון זיין אָרט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכען אויף זיך ביידע טירלעך פון דעם ארון,
ווי די טויערען, וואָס פירען אין דער אייביקייט אַריין,
און אין אויסבעט פון די שאַטענס, וווּ די ספרי־תורות רוען,
פלאַמט אַ ליכטעל אויף אַ קליינעס און צעשפרייט אַ געלען שיין.

פלאַמט אַ ליכטעל אויף אַ קליינעס
נעבען בעכער פול מיט בלוט,
ציטערט אין זיין רויטען שפיגעל,
אויף אַ רגע נישט גערוט;
ציטערט, ציטערט, ציטערט, ציטערט...
און פון בימה הייבט זיך אויף,
ווי אַ זייל, אַנ׳איד אַנ׳אַלטער,
און צום אָרון שטייגט ער אויף; —
ד׳באָרד, ווי זילבער ווייס און זויבער,
ווי אַ שטראַל איז יעדער האָר,
און די אויגען פול מיט צויבער,
און דער שטערען הויך און קלאָר;
איינגעוויקעלט אין אַ קיטעל,
מיט אַ פעלגורט אויף די לענדען..

אָ, דאָס איז דער אַלטער נביא
פֿון די הייליקע לעגענדען...
אָט, אָ נעמט ער אָן דעם בעכער,
הייבט אים העכער, העכער, העכער...
מאַכט אַ ברכה אויף דאָס בלוט..
און דאָס בלוט הייבט-אָן צו זידען...
ווערט אין קלאָרען ווײַן פֿאַרביטען,
און דער ווײַן הייבט-אָן צו פֿינקלען
אין פֿאַרשיידענע קאָליאָרען,
און ווי דורך אַ בליץ דערשלאָגען,
פֿאַלט דער אורח קעגען אָרון,
און דער גאַנצער צויבער, פּלוצלינג,
ווערט אין שיין פֿון ליכט פֿאַרלאָרען.

## IV.

מענשען פֿיר, אַ טראָגבעטעל אַ שוואַרצעס,
אויף אים אַ מת פֿאַרוויקעלט אין אַ טוך;
אַ נאַכט פֿון אומרו אָטעמט אויפ'ן שולהויף,
עס ציט דעם אָטעם עמיץ שווער אין אים.

עס טראָגט זיך דורך אַ פלוך. —
דער קלויסטער, וואָס נישט ווייט, הייבט לאַנגזאַם אָן צו קלינגען.
דאָס טראָגבעטעל גייט=אָפּ און נעענט זיך צו אים.
עס מאַכט זיך אויף אַ טיר, עס צינדט זיך אָן אַ פענסטער,
אַנטקעגען עפענט זיך אַ צווייטע טיר געהיים.
עס פרעגט אַ שטים:
— דאָס האָט מען אים געטראָגען?...
עס ענטפערט ווער: „פאַרשאָלטען זאָל ער זיין"!..

1918

# VI

# אַ וויגליד.

אַליע-ליוליע, אַליע-ליוליע—
שלאָף, מיין טייערער, און רו;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלעס קאָן מען נאָך געפינען,
אַלעס קריגט מען דאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע—זי איז איינע,
מער נישט איינע אויף דער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתּנה,
ווען מען עס איז נאָר באַשערט.
ווי איז דעם, וואָס האָט קיין מאַמען
אויף דער גרויסער וויסטער ערד!...

אַליע-ליוליע, אַליע-ליוליע —
ווי דער צער זאָל זיין נישט גרויס,
תּמיד קאָן מען אים פֿאַרוויגען
אין דער מאַמעס שטילען שויס.

אַליע-ליוליע, אַליע-ליוליע —
ווי די זינד זאָל זיין נישט שווער,
אָפּוואַשען וועט תּמיד קענען
זי דער מאַמעס ריינער טרער.

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליבער,
מאַך די אויגען צו און רו!...

װאױל איז דעם, װאָס האָט אַ מאַמען;
אַליע-ליוּליע-ליוּ!...

1910

# איינזאַמע.

איינזאַמע!
ווער וועט זיך טיילען מיט אונזערע ליידען.
ווער?
דערטרונקען אין פֿינסטערע נעכט וועלען ווערען
די בענקענדע.טענער פֿון אונזערע לידער,
און קיינער נישט,
קיינער,
וועט לאָזען אַ טרער...

אַ מיידעל װעט אפשר אַמאָל אונז פֿאַרנעמען
און ס׳װעט איר פֿון מיטלייד אין האַרצען פֿאַרקלעמען,
אַ פֿריינד װעט אַמאָל, אפשר, זיפֿצען באַהאַלטען,
אַ קרוב װעט שענקען אַ טרייסטװאָרט - אַ קאַלטען,
נור קיינער נישט,
קיינער,
װעט פֿילען דעם צער...

איינזאַמע װעלען מיר בלאָנדזשען און בלאָנדזשען
און זוכען, נישט װיסענדיק װאָס.
נור װאויל איז צו די, װעלכע װעלען געפֿינען
אַ סטעזשקע, אָהן דערנער, װאו רואיק צו בלאָנדזשען:
אַ הייזעל אַ שטילעס, װאו טרוימען צו שפּינען,
אַ זאַמד, צו דערשלינגען די טרערען, װאָס רינען,—
װאויל איז צו די אויף דער װעלט!...

190[illegible]

## יעדער מע.ש האָט דאָך.

יעדער מענש האָט דאָך אין הימעל זיין שטערן,
יעדען איז אונטען זיין וויגעל באַשערט.
פֿאַלען-צו שאָטענס—דאַן טרייסט אים דער הימעל,
ציען זיך וואָלקענס, פֿאַרוויגט אים די ערד.

בלאָנדזשעט ער—פֿרעגט ער דעם וועג באַ די שטערען;
ווערט ער פֿאַרמאַטערט, דאַן זוכט ער זיין וויג,
מער נישט—איך איינער האָבביידען פֿאַרלאָרען,
ביידע באַשיצער פֿון מענשלעכען גליק.

אומזיסט הייב איך אויף מיינע אויגען צום הימעל,
אומזיסט זוך איך רו אינ׳ם בלעטערגערויש;
אייביק וועט בלייבען מיין אויג אָהן אַ שטערן,
אייביק וועט בלייבען מיין קאָפּ אָהן אַ שויס.

1910

## צוקונפט.

אַנ׳ענדלאָזער מדבר. אַ זאַמדיקע וויסטע.
מיט אָפענע קברים אַרום און אַרום.
און איינזאַם דאָרט שפּרייז איך באַגלייט פון צוויי גרעבער,
וואָס טראָגען אַ מיטה פאַרגליווערט און שטום.

און וואו נאָר איך קער זיך, מיר פאָלגען די גרעבער
מיט קאַלטע, מיט שיקזאַל-פאַרשטיינערטע טריט.
און ווערט מיר אין האַרץ עפּעס ליכטיקס געבוירען,—
גלייך בלייבען זיי שטיין לעם אַ קבר דערמיט.

באַוויַיזט זיך וואו ערגעץ צווישען די וואָלקען
אין הימעל אַ שטערן און ווינקט מיר געשווינד,—
גלייך שטעלען די גרעבערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזען אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

און צערטעלט מיין פּנים מיט דופּטיקע פינגער,
פון ערגעץ אַ וואַרעם פאַרבלאָנדזשעטער ווינט,—
גלייך שטעלען די גרעבערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזען אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

דערגרייכט ווען מיין אויער אַ יונגער געלעכטער
און וויגט-איין מיין איינזאַמקייט ליבלעך און לינד,—
גלייך שטעלען די טרעגערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזען אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

אַנ׳ענדלאָזער מדבר. אַ זאַמדיקע וויסטע.
מיט אָפענע קברים אַרום און אַרום

און איינזאַם דאָרט שפּרייז איך, באַגלייט פון צוויי גרעבער,
וואָס טראָגען אַ מיטה פאַרגליווערט און שטום.

1906

# און גרויס איז דער מדבר.

און גרויס איז דער מדבר, אין וועלכען איך וואַנדער...
דאָס ווינטעל פאַרוועהט מיינע עלענדע טריט.
אַך, ווינטעל, דו ווינטעל, פאַרוועה נישט די צייכען,
די צייכען, וואָס ווייזען, אַז איך האָב געלעבט...

און ברייט איז דער מדבר, נאָר ענג איז אין האַרצען,
און אָפטמאָל פון ענגשאַפט שטיל קאַפעט אַ טרער...
אַך, זעמדלעך, איר זעמדלעך, נישט שלינגט איין די טרערען —
די צייכען וואָס ווייזען, אַז איך האָב געבענקט.

הויך, אויבען צעשפרייט זיך אַ פֿינסטערער הימעל...
איך פֿיל, ווי עס רוקט זיך אַלץ נענטער דער טויט.
פֿאַרשיט מיך, דו ווינטעל, אַך שלינגט מיך איין, זעמדלעך,
זאָל קיינער נישט וויסען דעם סוף פון מיין וועג...

1915

## עס ווערען געבוירען חלומות...

עס ווערען געבוירען חלומות און שטאַרבען,
ווי בלומען אין מיטען דעם בליען,
וואָס ווערען געריסען אין פרילינגס-יום-טובים
אויף קראַנצען
פאַר העלדען פאַר שיינע וואַקכאַנקעס
צו צירען—אין זייערע פריילעכע טאַנצען,

עס ווערען געבוירען חלומות און שטאַרבען,
ווי זאַנגען אויף גאָלדענע צייטיקע פעלדער,

וואָס פֿאַלען אין גלאַנץ פֿון דער שטאָלענער קאָסע,
און נאָכדעם געבונדען אין גאָלדענע גאַרבען,
צעפּירט מען זיי פֿריילעך מיט לידער אין שייער
פֿאַרהאַנען אויף טרוימען, וואָס ווערען פֿאַרגליווערט
אין שטיינערנע בילדער, אין פֿאַרבען אויף לייוועגט,
אין ביכער פֿאַרשטויבטע, אין שיינע געביידען...
זיי בלייבען, ווי שטילע און שטומע מצבות
אויף קברים פֿון אַלטע פֿאַרגעסענע טרוימער,
וואו ס'בליען שוין אַנדערע פֿאַרביקע בלומען
און ס'פֿאַלען די שאָטענס פֿון אַנדערע בוימער.

נור ווי איז צו די, וועלכע ווערען געבוירען,
ווי שפּעטיקע בלומען אין קויטיקען הערבסט;
וואָס שטייען געבויגען אין קעלט און אין טרויער
און ווערען מיט בלאַטיקע טראָפּענס פֿאַרגאָסען.
אַ פֿוס אַ פֿאַרשמוצטער וועט גלייכגילטיק קומען
און וועט זיי צעטרעטען, די ליכטיקע טרוימען,
דערשטיקען זיי רואיק און שטיל, ווי עס ווערען
דערשטיקט די נשמות פֿון יונגינקע פֿרויען

אין די אָרעמס פֿון מאַנען—געקוילעטע און אַלטע,
ווי זייערע ריינע פֿאַנטאַזיעס פֿון יוגענט;
אין קושען פֿון שמוציקע וועלקענדע ליפּען,
אַזויווי אַ שיינע פֿאַרמשפּטע גערטין,
וואָס מוז צו די נאָך בליענדע בריסטען
טוליען מיט עקעל אַ קויטיקען שאַרבען —
עס ווערען געבוירען חלומות און שטאַרבען...

1907

## אין דער פרעמד.

אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט,
נישטאָ קיין אָרט, וואו בלייבען דאָ
עס שיינט די זון, דער הימעל בלאָ,
נור מיר גייט יעדער שטראַל פאַרביי...
אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט.

די זון פאַרגייט
און פלאקערט שטיל אין מערב-זייט.
איך שטיי און זע, ווי פיין זי גליט

און גייט אַוועק...
און פֿול מיט בענקשאַפֿט און מיט שרעק,
צעשפּרייט איך מיינע הענט צו איר
און בעט זיך שטיל: אַך, נעם מיך מיט!
דאָ איז מיר פֿרעמד און אַלעס ווייט.

פֿאַרגאַנגען איז די זון...
און טיף אין הימעל גייט אַ פֿאַרבענשפּיל.
עס בלאָזט דער ווינט און פֿליט אַוועק,
און כ'בעט אים שטיל:
אָ, נעם מיך מיט, אָ, נעם מיך מיט!

געקומען איז די נאַכט.
עס רירט זיך נישט
קיין איינציק בלעטעל פֿון קיין בוים.
דאָס טייכעל מורמעלט נור געהיים
און שווימט אַוועק...
און כ'בעט עס שטיל: אָ, נעם מיך מיט!
דאָ איז מיר פֿרעמד און אַלעס ווייט.

1906

## איך בייט די וואוינונגען.

איך בייט די וואוינונגען און בייט די ערטער
און וואַנדער, האָפּענדיק פֿון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפֿען וועל איך נאָך אַמאָל מיין יוגענט
און שטאַרבען, קושענדיק איר צאַרטע האַנט.

עס שווימען טויזענטער, פֿאַר מיר, געזיכטער
אין גרויסען שטורעמדיקען מענשענטאַנץ, —
די שטילע האָפֿענונג—זי מאַכט מיך ניכטער,
די טיפֿע רואיקייט—זי מאַכט מיך גאַנץ.

עס ליגט די אייביקייט ביי מיר אין האַרצען
און וועבט די פּעדעם פון מיין אַלטען טרוים,
און טרייסט און ווינקט צו מיר מיט שטערען ווייטע
פון טיפען נעפּ לדיקען לעבענסתּהום.

איך ווייס, עס דרעמלען נאָך אין זיינע נעפּלען
די גרינע אינזלען פונ׳ם ווייטען גליק.
און ס׳לעבט אַנ׳אויסלייזער פאַר אַלע מענשען,
וואָס וועט נאָך אומקערען מיין פרייד צוריק.

איך בייט די וואוינונגען און בייט די ערטער,
און וואַנדער, האָפענדיק פון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפען וועל איך נאָך אַמאָל מיין יוגענט
און שטאַרבען, קושענדיק איר צאַרטע האַנט.

# בטחון.

אַ שטילע נאַכט.
אַ שטערן פאַלט
פון הימעל טיף
און ווערט נישט באַלד...
איך הייב מיין אויג
און בייג מיין קאָפ;
מיין היטער וואַכט
און היט מיך אָפּ;

מיין היטער וואַכט,
מיין היטער וואַכט...
און שיקט זיין גרוס
מיר דורך דער נאַכט.

דער וועג איז ווייט
און איך בין מיד;
די שטילע נאַכט,
זי זינגט איר ליד.

פֿאַרטרוי דיין קאָפּ
מיין שטילען שויס
און שלאָף, און שלאָף,
אויף מאָרגען האָף:
דיין וועג צום סוף
איז ווייט און גרויס...

1911

# אַקאָרד.

מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
די ליבע היילִיקט זיך אין שטילען ווייִ,
די ליבע לייטערט זיך, ווערט קלאָר ווי שניי—

מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...
באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער, —
זי איז אַ באַלזאַם פאַר אַ האַרץ אַ שווער,
זי איז דער שענסטער פערעל פֿונ'ם טיפֿסטען מעער:
באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...

# אינהאלט

| | |
|---|---|
| מיין היים | 9—12 |
| די בעריאָזקע | 13—14 |
| אין א לבנה נאכט | 15—16 |
| ליטע | 17—19 |
| פארנאכט | 20—21 |
| אין א לבנה נאכט | 22—23 |
| ביי נאכט | 24—25 |
| דאס איז שוין לאנג מיין קינד... | 26—27 |
| נאכט שטימונג | 28—29 |
| ווייסע נעכט | 30—31 |
| אין וואלד | 32—34 |
| די סאושעלקע | 35—37 |
| פרילינג | 38—39 |
| הארבסט שטימונג | 40—42 |

| | |
|---|---|
| דער ערשטעע שניי | 43—44 |
| פון אידישען געסעל I | 47—48 |
| " " " II | 49—50 |
| תשעה באב | 51—52 |
| לעגענדע | 53—55 |
| אמר אביי | 56—58 |
| זכרונות | 59—62 |
| אידיליע | 63—66 |
| ווידמונג | 69—70 |
| אבריוו | 71—73 |
| חלומות | 74—75 |
| ערווארטונג | 76—77 |
| פארגעפיל | 78—79 |
| די ביזט אוועק | 80—81 |
| אנטזאגונג | 82—83 |
| ווי ווייט דו זאלסט ניט זיין | 84—85 |
| טרויריגע געדאנקען | 86—87 |
| אין וועג | 88—90 |
| א חלום | 91—92 |
| ווען דו וועסט אוועקגיין | 93—94 |

מיין ליד איז געפאנגען — — — — 97—98
מיר וועלען פארבלייבען אין שיל — — — 99—100
געשטארבען דער לעצטער בעל תפילה — — 101—102
וואו זאל איך בעטען — — — — 103—104
פאר אמאנאסטיר — — — — — 105—107
צווישען די זאנגען — — — — 108—111
א תפילה — — — — — 112—113
שבת חזון — — — — — 117—119
עליעגיעס I — — — — — 120—121
" II — — — — — 122—123
" III — — — — — 124—125
משיח — — — — — — 126—127
מיין פאלק — — — — — 128—129
דאס זיינען טייערע... — — — — 130—132
עלילת דם — — — — — 133—144
וויג ליד — — — — — — 147—149
איינזאמע — — — — — — 150—151
יעדער מענש... — — — — — 152—153
צוקונפט — — — — — — 154—156
און גרויס איז דער מדבר... — — — 157—158

עס ווערען געבוירען חלומות... — — — 159—161
אין דער פרעמד — — — — 162—163
איך בייט די וואוינונגען... — — — — 164—165
בטחון — — — — — — 166—167
אקארד — — — — — — 168